STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03573

# BILDER FUN IDISHN ARBETER-LEBN IN AMERIKE

Bernard Weinstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# בילדער

פון אידישן ארבעטער
לעבן אין אמעריקע




ב. וויינשטיין

איך דריק אויס מיין טיפסטן דאַנק דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס קאָמיטעט און די נאַציאָנאַלע באַאַמטע פון אַרבעטער רינג פאַר אַרויסגעבן מיין בוך אין אַזאַ פאָרם, וואָס זאָל זיין צוגענגליך פאַר דעם יונגן אידישן דור אין אַמעריקע.

ב. וויינשטיין.

ב. וויינשטיין

# בילדער

## פון אידישן אַרבעטער-לעבן אין אַמעריקע

באַאַרבעט און צוגעגרייט פאַר די אידיש-וועלטלעכע שולן

— פון —

נפתלי גראָס

אילוסטרירט פון נ. קאָזלאָווסקי

אַרויסגעגעבן פון דעם
אַרבעטער רינג
בילדונג-דעפּאַרטמענט
ניו-יאָרק, 1935

# SKETCHES
of
# THE LIFE OF JEWISH WORKERS IN AMERICA

Copyright, 1935, by
The Workmen's Circle
New York

פיוטורא פרעס, 476 בראָדוויי, ניו יאָרק 200

מיט דעם בוך ווילן מיר באַקענען די טויזנטער שילער פון די אַרבעטער רינג שולן, און אויך די שילער פון די אַנדערע מאָדערנע אידישע שולן, מיט דעם לעבן פון די אידישע אַרבע־טער אין אַמעריקע, דער יונגער אַמעריקאַנער דור זעט היינט־צוטאָג פאַר זיך דאָס אָרגאַניזירטע אידישע לעבן אין פאַרשי־דענע פאָרמען. זיי זעען גרויסע אידישע יוניאָנס, דעם אַרבעטער רינג מיט זיין פאַרצווייגטער טעטיקייט, אַ גרויסע אידישע פרעסע, טעאַטערס, קולטור־אינסטיטוציעס און אַ סך אידישע אָרגאַני־זאַציעס און פאַריינען איבערן גאַנצן לאַנד.

ווי אַזוי האָט זיך דאָס אימיגראַנטן לעבן ביסלעכווייז פאַר־מירט? ווי אַזוי האָבן געלעבט די אַרבעטער אין יענע יאָרן, ווען קיין אָרגאַניזירטע לעבן איז נאָך נישט געווען, ווען יעדער איינער האָט געמוזט קעמפן און ליידן פאַר זיך אַליין? די ביל־דער פון דעם אידישן אַרבעטער לעבן אין אַמעריקע מיט אַרום פופציק יאָר צוריק, ווי זיי ווערן געשילדערט אין דעם בוך, וועלן העלפן קלאָר מאַכן פאַר די יונגע לעזער, ווי אַזוי עס איז אויס־געוואַקסן און זיך אָרגאַניזירט דאָס אַלגעמיינע אידישע לעבן, און באַזונדער דאָס היגע אידישע אַרבעטער־לעבן.

דאָס בוך איז אַ זאַמלונג פון די וויכטיקסטע קאַפּיטלען פון ב. וויינשטיין'ס צוויי ביכער: „פערציק יאָר אין דער אידי־שער אַרבעטער באַוועגונג" און „אידישע יוניאָנס אין אַמעריקע", און איז בעאַרבעט און צוגעגרייט געוואָרן פון נפתלי גראָס פאַר די אידיש־וועלטלעכע שולן.

מיר האָבן צוגעגעבן דאָס קאַפּיטל „די אידישע יוניאָנס", פון מאָריס הילקוויט'ס בוך „די געשיכטע פון אַ טעטיקן לעבן", כדי צו פאַרפולקאָמען דאָס בילד און ווייזן די רעזולטאַטן פון דעם קאַמף. וואָס די אָרגאַניזירטע אַרבעטרשאַפט האָט אָנגעפירט.

די פאַסירונגען און איבערלעבונגען פון יענער צייט זיינען אַ שטיק געשיכטע פון דעם אינטערעסאַנטן אידישן אימיגראַנטן לעבן, אַ שטיק געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע.

דער אינהאַלט פון דעם בוך וועט אויך ביי די עלטערן פון אונזער יוגנט אָפּרופן די זכרונות און איבערלעבונגען פון זייערע ערשטע יאָרן אין דעם נייעם לאַנד.

**אַרבייטער רינג בילדונגס קאָמיטעט.**

# וואַנדערער

אַדעס, זומער, 1881.

איין שיינעם טאָג, עס איז געווען אַרום סוף זומער, דערהער איך אין דער קאַנצעליי (ביוראָ), וואו איך האָב געאַרבעט, עפּעס מאָדנע געשרייען אין גאַס. איך לויף צו צום פענסטער, ערשט — אַ קאָמפּאַניע אידן מיט זעק און מיט פּעק אויף די פּלייצעס. אויסוואַנדערער. מייסטנס יונגע בחורים (באָכערים). ווייבער, מוטערס גייען נאָך פאַרווייטע. צום באַנהויף גייען זיי. זיי פאָרן זוכן נייע לענדער.

ווען איך וואָלט געקענט מיטפאָרן! מיך נעמט אָן אַ מוראדיקער חשק (כיישעק) צו וואַנדערן. אַ ציטער גייט מיר דורך איבערן לייב. סע בליצט אויף אַ בילד: ראָבינזאָן קרוזאָ. אַ זעגלשיף צו ווייטע לענדער. אינמיטן ים אַ שטורעם. אַ שיפּברוך. אַלע ווערן דערטרונקען. איין ראָבינזאָן ווערט געראַטעוועט. ער ווערט פאַרוואָרפן אויף אַן אינזל צווישן ווילדע. טויזנט געפאַרן דראָען אים יעדן טאָג. נאָר ראָבינזאָן שרעקט זיך נישט. ער לעבט אין היילן און אויףביימער. ער קעמפט מיט די ווילדע, מיט די חיות, און מיט אַלץ, וואָס אים איז אין וועג. ער ווערט סוף־כל־סוף געראַטעוועט פון דעם אינזל, און קומט אַהיים.

אַ פיבער נעמט מיך אָן צו פאָרן. וואָס אַ טאָג ווער איך אומרואיקער. איך פאַרליר דעם חשק צו אַרבעטן. איך הייב אָן לויפן יעדן טאָג אויף די פאַרזאַמלונגען, וואו מע אָרגאַניזירט קאָמפּאַניעס צו פאָרן קיין אַמעריקע.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען פופצען יאָר. געאַרבעט האָב איך ביי אַן אַדוואָקאַט, און האָב שוין פאַרדינט צוועלף רובל אַ חודש. איך האָב מיך געהאַלטן פאַר אַ שרייבערל (קלוירק), אָבער אינדעראמתן בין איך געווען אַ שיק־אינגל מער ווי אַ שרייבערל.

אַרבעטן האָב איך אָנגעהויבן אויפן עלפטן יאָר. ווארן איך בין געווען אַ יתום. מיין פאָטער איז געשטאָרבן ווען איך בין אַלט געווען קאַרגע צען יאָר. און איך און די מו־טער זענען איבערגעבליבן אָן אַ פאַרזאָרגער און — אָרעם. אַ יאָר שפּעטער האָט מיין מוטער חתונה געהאַט, און איך — בין אַוועק אַרבעטן ביי אַן אַדוואָקאַט אין בירא צו פאַר־דינען אויף מיין ברויט.

אויסער די צוועלף רובל אַ חודש געהאַלט — פלעג איך נאָך פאַרדינען עטלעכע רובל אַן אַ זייט, פון טרינק־געלט (טיפּס), וואָס איך פלעג קריגן פון די קליענטן. דאָס גאַנצע פאַרדינסט מיינס פלעג איך אַלעמאָל אַוועקגעבן דער מוטער. און זי האָט מיך געשפּייזט און געקליידט, און האָט מיר אויך געגעבן אַמאָל אַביסל טאַשנגעלט.

נאָר זינט יענעם טאָג, וואָס איך האָב צום ערשטנמאָל געזען אַ קאָמפּאַניע אויסוואַנדערער — רו איך נישט. איך פיבער צו פאָרן. אַלע אַדעסער אידן פאָרן. יעדן טאָג קו־מען פאַר פאַרזאַמלונגען, וואָס אַדעסער כלל־טוער (קלאַל־טוער) רופן צונויף. אַסך אַגיטאַטאָרס פריידיקן, מע זאָל פאָרן קיין ארץ־ישראל, אין דער אַלטער אידישער היים. די מיינסטע קאָמפּאַניעס פאָרן קיין אַמעריקע, וואו מע שאַרט גאָלד אין די גאַסן, און וואו אַלע מענטשן — אידן און קריסטן — זענען גלייך.

אַסך יונגעלייט האַלטן אַפּ געהיימע פאַרזאַמלונגען. אין שטאָט איז טעטיק די ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציע „עם־עולם״.




נ. קאזלאווסקי

אויסוואַנדערער — מיט זעק און מיט פּעק אויף די פּלויצעס.

צו איר געהערן אידישע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן. אירע מיטגלידער — פון אָדעס, קיעוו און אַנדערע שטעט — האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו גרינדן אין צפון־אַמעריקע קאָלאָניעס, אָדער פאַרעמס, אויף קאָלעקטיווע יסודות (יעסוידעס). זיי האָבן געוואָלט ווייזן דער וועלט, אַז אידן זענען אמתע פּראָדוצירער, ערד־אַרבעטער.

די גאַנצע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען נאָכדעם ווי רעוואָלוציאָנערן האָבן יענעם סוף־ווינטער אוועקגעשיקט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אויף יענער וועלט, און די רעגירונג האָט דערפאַר אויסגעלאָזט איר גאַנצן גרימצאָרן אויף אידן.

אין די ערשטע פרילינג־וואָכן, מיינסטנס אין די פּסח־טעג, האָט מען אין אָדעס, און אין אַנדערע שטעט פון דרום־רוסלאַנד, געמאַכט פּאָגראָמען אויף אידן. די אידן האָבן מיטאָמאָל דערפילט, אַז זייער היים, וואו זיי זענען געבוירן געוואָרן, איז נישט קיין היים פאַר זיי. יעדער איד האָט געטראַכט ווי צו אַנטלויפן און זיך צו ראַטעווען מיטן לעבן.

דער קלאַנג, אַז די פאַריזער חברה „אַליאַנס איזראַעליט" העלפט אַריבערצופאָרן קיין אַמעריקע, האָט צוגעגעבן די אידן נאָך מער מוט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין.

יעדן טאָג פלעג איך צושטיין צו דער מוטער, זי זאָל מיך אויך לאָזן פאָרן. מיינער אַ שטיפברודער מיט זיין פרוי זענען נאָך מיט אַ יאָר פריער אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. זיי זענען געפאָרן מיט אַן „עם־עולם" קאָמפּאַניע. דאָס איז געווען גלייך נאָך די פּאָגראָמען. מיין שטיפברודער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון דעם שווערן מיליטער־דינסט אין רוסלאַנד, און ער איז אוועק קיין אַמעריקע.

די מוטער האָט סוף־כל־סוף איינגעוויליקט מיך צו לאָזן פאָרן. איך מוז אָבער פריער אָפּשפּאָרן די נייטיקע הוצאות

(הויצאָעם) אויף דער רייזע. פאַרלאָזן זיך אויף דער „אַלי־אַנס איזראַעליט", אָדער אויף אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי וועלן מיר העלפן אויפן וועג, האָט די מוטער נישט געוואָלט.

איך נעם מיך צו דער אַרבעט מיט נייעם מוט. איך שפּאָר אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע (פּעני). איך גיב נישט אויס אויף קיין זאַך. איך גיב דער מוטער יעדע קאָפּיקע צו באַהאַלטן. די מוטער נעמט בלויז אַראָפּ אויף דעם נייטיקסטן, וואָס איך מוז האָבן: אויף עסן און אַמאָל אויף אַ מלבוש. דאָס איבעריקע ווערט געשפּאָרט. איך מוז פאָרן.

## איך פאָר קיין אַמעריקע

אַ יאָר איז אַריבער.

עס איז ווידער פרילינג. איך האָב שוין אָפּגעשפּאָרט אַרום דרייסיק רובל. 75 רובל האָט מיר באַוויליקט דער „אָדעסער קאָמיטעט" פאַר עמיגראַנטן. מיין קאַפּיטאַל באַשטייט פון 103 רובל. אויסערדעם האָב איך נאָך אַ טאָרבעלע מיט קופּערגעלט, וואָס מיינע פעטערס און מומעס האָבן מיר מיטגעגעבן. מיט אַזאַ קאַפּיטאַל קאָן איך מיך שוין לאָזן אין וועג אַריין.

עס איז געקומען דער טאָג. אייגענע שפּאַסן פון מיר:

— זע נאָר דעם העלד, קיין אַמעריקע פאָרט ער!

— פאַרגעס נישט, זיי גוט צו אידן!

אַנדערע רעדן ערנסט:

— פאַרגעס נישט דיין מאַמען, און די גאַנצע משפחה.

די מאַמע אַליין רעדט ווייניק. זי וויינט, און בעט מיך, איך זאָל נאָר אָפט שרייבן.

מיר גייען צום באַנהויף. אַ גאַנצע קאָמפּאַניע גייען מיר. מיין מאַמע גייט אויך. זי באַלייט מיך. זי גייט און

וויינט. זי בעט די באַקענטע, מע זאָל אויף מיר אַכטונג געבן. מיר טוט שוין עפּעס באַנג. איך וואָלט אַליין אויך געוויינט. נאָר איך שעם מיך.

מיר וואַרטן אויפן צוג. יעדע מינוט — איז אַ יאָר. נאָר אַז מע וואַרט — דערוואַרט מען זיך. דער צוג קומט אָן. אַלע זעגענען זיך, און מיר גייען אַריין אין וואַגאָן. מיט בילעטן האָט זיך די קאָמפּאַניע שוין באַזאָרגט פריער.

אַלע שטופּן זיך צו די פענסטער. מע זעגנט זיך נאָך־אַמאָל. מיין מאַמע וויינט. איך וויל איר צוזאָגן, אַז איך וועל איר שרייבן, און וועל זי אַריבערנעמען קיין אַמעריקע. נאָר ריידן קאָן איך נישט. מיין קעל שטיקט. איך וואָלט איצט צוגעפאַלן צו אירע פיס און געוויינט. אין האַרץ ביי מיר רעד איך צו זיך:

— מאַמע, מאַמע, איך וועל דיך נישט פאַרגעסן. קיינ־מאָל נישט.

## מיין ערשטע רייזע מיט דער באַן, און די שטאָט בראָד

אונזער קאָמפּאַניע באַשטייט מיינסטנס פון יונגע מענטשן. פאַראַן אויך עטלעכע עלטערע. אָבער מיינסטנס יונגע. דאָ איז אויך דאָ מיינער אַ חבר. פּייוול הייסט ער. פּייוולס פאָטער איז אַ בראָדער, וואָס האָט אַ צייט געוואוינט אין אָדעס.

מיין חבר פּייוול רעדט מיך צו, איך זאָל מיך אָפּשטעלן מיט אים און מיט זיינע עלטערן אין בראָד. מיר וועלן דאָרט בלייבן בלויז אַ פּאָר טעג. זיי וועלן זיך נאָר זעגענען מיט דער משפּחה און מיט פריינט, און מיר וועלן פאָרן ווייטער. קיין האַמבורג וועלן מיר דערנאָך פאָרן, און פון דאָרטן — קיין אַמעריקע.

איך לאָז מיך איבעררעדן. וואָרן נאָכאַלעמען זענען דאָך זיינע עלטערן אייגענע מענטשן. זיין מוטער קען מיין מוטער. און זיי וועלן זיכער אַכטונג געבן אויף מיר, און מיך היטן, קיינער זאָל ביי מיר נישט אויסנאַרן דאָס געלט אויפן וועג.

מיין חבר ווערט מיר נאָך ליבער. מיר זיצן דעם גאַנצן וועג צוזאַמען און רעדן. מיר מאַכן פּלענער וואָס מיר וועלן טאָן, אַז מיר וועלן קומען קיין „נעוויאָרק". מיר שווערן זיך געטריישאַפט. מיר וועלן זיך האַלטן צוזאַמען, צוזאַמען אַרבעטן און לעבן. אָבער קודם-כל (קוידעם-קאָל) וועל איך אַריבערנעמען די מאַמען.

אויפן וועג זענען אין וואַגאָן אַריינגעקומען זשאַנדאַרן. דאָס איז געווען ביי דער עסטערייכישער גרעניץ. זיי זענען געקומען רעווידירן די פּעסער. מיר האָבן אַלע געהאַט די נייטיקע פּאַפּירן און פּעסער. די רוסישע רעגירונג האָט דער-מאָלט געגעבן יעדן אידן אַן אויסלענדישן פּאַס. זי האָט געוואָלט פּטור (פּאַטער) ווערן פון אידן, און זי האָט נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן די, וואָס האָבן געוואָלט אויס-וואַנדערן. אויסער יונגעלייט פון 19 ביז 21 יאָר, וואָס האָבן זיך געדאַרפט שטעלן צום מיליטער-דינסט. אַזוינע האָבן קיין פּאַס נישט באַקומען. און אויב יונגעלייט אין דעם על-טער האָבן געוואָלט אויסוואַנדערן — האָבן זיי געמוזט „גאַנווענען די גרענעץ".

סע נעמט נישט לאַנג און — מיר זענען אויף דער אַנ-דערער זייט גרענעץ — אין גאַליציע, עסטערייך. קיין בראָד זענען מיר אָנגעקומען אינדערפרי. דאָס געפּעק האָבן מיר געלאָזן אויפן באַנהויף, און מיר זענען אַוועק צו מיין חברס משפּחה.

בראָד איז אַ קליינע שטאָט. קעגן אָדעס איז זי אַ שטע-

טעלע, נאָר מיט אַ גרויסן נאָמען. ביי אונז האָט מען גע־הערט אַסך רעדן וועגן בראָד: בראָדער משכילים, בראָדער זינגער. און איך האָב אַלעמאָל געמיינט, אַז בראָד איז נאָך גרעסער פון אַדעס.

אַלע אידן אין בראָד גייען אין קאַפּעליושן אינמיטן אינ־דערוואָכן. אַפילו די אָרימסטע טראָגן דאָ קאַפּעליושן. איך דערקען זיי — די אידן. איך האָב זיי געזען אין זייערע קאַפּעליושן אַסך אין אַדעס.

מיין חברס משפחה, צו וועמען מע האָט מיך געבראַכט, איז אַ פאַרמעגלעכע, ווייזט אויס. מע האָט אונז אויפ־גענומען זייער פיין. מע האָט אונז געגעבן גוטע מאָלצייטן, און פרישע געלעגערס אויף ביינאַכט.

ביי טאָג האָט מיך פיוול געפירט ווייזן מיר די שטאָט. אין די גאַסן האָבן מיר געזען טויזנטער וואַנדערער, וואָס זע־נען אַוועק פון רוסלאַנד. זיי האָבן אָבער נישט קיין געלט צו פאָרן ווייטער. זיי וואַלגערן זיך דאָ אין די גאַסן, און וואַרטן, מע זאָל זיי העלפן צו קענען פאָרן קיין אַמעריקע.

צוויי טעג בין איך געווען אין בראָד. אויפן דריטן טאָג בין איך מיט מיין חבר, און מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע אַוועקגעפאָרן דורך לעמבערג קיין האַמבורג. אויף יעדער סטאַנציע אויפן וועג — האָבן זיך געוואַלגערט רוסישע אידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מיטלען צו פאָרן ווייטער. אָבער די ערגסטע צרות האָבן מיר געטראָפן אין האַמבורג. דאָ האָבן זיך אידישע וואַנדערער אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן פאַרמאַטערטע און פאַרשמאַכטע. מע איז געלאָפן בעטן הילף פון איין „קאָמיטעט” צום צווייטן. ס׳איז נאָך אַ גליק וואָס עס איז זומער, און מען קאָן איבערשלאָפן, וואו סע מאַכט זיך.

אונזער קאָמפּאַניע האָט מען פאַרטריבן אין אַ שטאַל.

דאַ זענען מיר אָפּגעלעגן עטלעכע טעג, ביז מיר האָבן זיך איינגעהאַנדלט שיפקאַרטן.

פאַרן אויפשטייגן אויף דער שיף האָבן מיר זיך געמוזט איינקויפן אַביסל געשיר צו האָבן פון וואָס צו עסן אויף דער שיף. אויף דער שיף האָט מען דעמאָלט קיין געשיר נישט געגעבן. יעדער פון אונז קויפט זיך איין עטלעכע בלעכענע כלים, און אויך אַביסל עסנוואַרג, וואָרן מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט קיין „קיניגלעכע מאַכלים" וועט מען אונז, צווישנדעק פּאַסאַזשירן, נישט שפּייזן.

איידער די שיף פאָרט אָפּ פון ברעג — שפּילט אַן אָרקעסטער. דער אָרקעסטער שפּילט, און — אַסך וואַנדערער וויינען. דער אָרקעסטער שפּילט, און — פאַרטויבט דאָס זיפצן און כליפּען.

די שיף דערווייטערט זיך פון ברעג. דער אָרקעסטער ווערט שטילער און שטילער. מיר שטייען אַלע ביי די פאַרענטשעס. אונזערע אויגן זענען צוגעשמידט צו דעם ברעג, וואָס ווערט אַלץ קלענער און קלענער. אַרום טויזנט וואַנדערער זענען מיר. מייסטנס אידן פון רוסלאַנד. פאַרכוישעכטע, פאַרמאַרעטע. אידן מיט ווייבער און מיט קינדער. אַסך פירן מיט זיך מיט דאָס גאַנצע ביסל אָרימקייט. סע פאָרן אויך אַסך פּאָליאַקן. מיר פאַרהאַלטן זיך אַלע נאָענט. ווי איין גרויסע פאַמיליע פילט מען זיך. איין גורל פאַרייניקט אונז אַלעמען.

## פון האַמבורג ביז קעסל־גאַרדן אויף אַ שיף — אַ הוידע

ביסלעכווייז האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אויף דער שיף. גאַנצע פאַמיליעס האָבן געקריגן נאַרעס פאַר זעקס און פאַר אַכט פאַרשוין. אונז בחורים האָט מען געגעבן דעם

ערגסטן פלאַץ — אויף דער נאָז פון שיף. נאָר וועמען אַרט עס ?! מיר פאָרן דאָך עפּעס אין גילדענעם לאַנד אַריין.

דאָס בלעכענע געשיר האָט יעדער פון אונז אויסגעגע־האַנגען אויף גרויסע נעגל אין די הילצערנע ווענט. די פּעק און די רענצלעך האָבן מיר אויסגעשטעלט ביי די בעטן. זיצן — זיצן מיר אויף די פּעק, אָדער אויף די בעטלעך. קיין בענקלעך זיינען נישטאָ פאַר אונז „רוסישע שוויינען", ווי די דייטשע מאַטראָסן רופן אונז.

מיר בחורים — זיצן מיינסטנס צוזאַמען און זינגען. די שיף וויגט זיך. דאָס בלעכענע געשיר אויף די ווענט קלינגט, און מיר — זינגען. וואו נאָר אַ ליד, וואָס מיר האָבן אַמאָל ערגעץ געהערט — זינגען מיר.

פאַרנאַכט האָט די שיף זיך גענומען וואַרפן שטאַרקער. דאָס געשיר קלאַפּט און קלינגט. סע ווערט טונקעלער. אויפן האַרצן ווערט שווער. אַלע שווייגן. אַסך ווערן קראַנק. איך דערפיל מיך עלנט, ווי איך וואָלט געווען איינער אַליין. איינער אַליין נאָך אַ שטורעם, אַ שיפבראָך. איך ליג צווישן אָנגעוואָרפענע פּעק און קאַסטנס און געשיר. די כוואַליעס וואַרפן מיך און טראָגן. אַרום איז פינסטער. מע זעט נישט גאָרנישט. אָך, ווען איך זאָל נאָר קענען שלאָפן. כאָטש אַביסל איינשלאָפן.

איך כאַפּ מיך אויף. עס איז שוין טאָג. אַסך זענען שוין אָנגעטון. מיר גייען אַרויף אויפן דעק. אויפן האַרצן איז אַביסל פריילעכער. סע ווילט זיך עסן. מיר וואַרטן אויף פרישטיק. די צווישנדעק פּאַסאַזשירן שטעלט מען אוים אין לאַנגע רייען. מיר שטייען מיט די בלעכענע פּענדלעך אין די הענט. דער קוכער גיסט יעדן אַריין מיט אַ גרויסן לעפל עפּעס אַ מין שוואַרצע זופּ, און אַ צווייטער דערלאַנגט יעדן אַ שטיקל טרוקן ברויט. איך כאַפּ מיין




דער קוכער גיסט אַריין מיט אַ גרויסן לעפל עפּעס אַ מין שוואַרצע
זופּ און אַ צווייטער דערלאַנגט יעדן אַ שטיקל טרוקן ברויט.

חלק און לויף ארונטער אין שיף, אין מיין „פריוואט קאַ-יוטע” עסן מיין פרישטיק. נאָר עסן קאָן איך נישט. דאָס מאכל האָט עפּעס אַזאַ ריח, אַז איך קאָן מיינע ליפּן נישט צורירן צו דעם.

זעכצן טעג האָט געדויערט די רייזע. די גאַנצע צייט האָבן מיר געהונגערט. מיר האָבן קוים געפּויעלט, מע זאָל אונז געבן יעדן טאָג אַ שטיקל הערינג מיט ברויט. אַסך פון אונז זענען דעם גאַנצן וועג קראַנק. נאָר מע טרייסט זיך: אין אַמעריקע וועלן מיר דערפאַר לעבן אין אַלעמגוטן. דאָרטן וועלן מיר שוין האָבן פאַר אַלע אונזערע אָפּקומע-נישן אויף דער רייזע.

ענדלעך איז געקומען דער גליקלעכער טאָג. באַגינען שוין האָט מען אין דער ווייטן באַמערקט לאַנד. מע האָט זיך געפרייט, ווי מע וואָלט אַנטדעקט אַמעריקע.

אַז מיר זענען שוין געווען נאָענט פון אַ ברעג איז פּלוצים צוגעקומען אַ שיפל מיט אַ האַלב טוץ מענער אין מונ-דירן מיט מעשענע קנעפּ. אַלע צווישנדעק פּאַסאַזשירן האָט מען אויסגעשטעלט אין שורות. די מענער האָבן יעדן פון אונז באַטראַכט און געשטעלט פּאָקן.

נאָכדעם זענען אָנגעקומען באַרקעס מיט שלעפּשיפן, און מע האָט אונז אַוועקגעפירט אין „קעסל גאַרדן”. ביי די ברעגן זענען געשטאַנען אַסך שיפן, וואָס מע האָט אָנגע-לאָדן מיט גרויסע קאַסטנס.

איך קוק מיך צו ווי די שיף-אַרבעטער אַרבעטן. סע גיסט פון זיי דער שווייס. זיי רעדן עפּעס אַ פרעמד לשון (לאָשן). דאָס איז מסתמא ענגליש.

— זעט נאָר, — זאָג איך צו מיינע פריינט, — וואָסערע גליקן קאָן מען דערוואַרטן דאָ אין אַמעריקע, אַז די אמתע

אמעריקאנער, וואס קענען דאס לשון, ארבעטן אזוי שווער ? !

מע פירט אונז אריין אין גרויסן הויף פון קעסל גארדן. דא געפינען זיך הונדערטער מענטשן. כמעט אלע אונזערע רוסישע אידן: מענער, פרויען, קינדער. מיר נעמען זיך פאנאנדערפרעגן ביי דעם עולם, ביי די נייע „אמעריקאנער", ווי סע גייט זיי דא אין אמעריקע. אסך הייבן אן וויינען, זיי וואלטן ליבערשט צוריקגעפארן אהיים.

איך בין פארבליבן אין קעסל גארדן מיט די פריינט, מיט וועמען איך בין געקומען פון דערהיים. דא האב איך מיך דערוואוסט, אז מע קען טאקע אין קעסל גארדן קריגן עפעס ארבעט דורך א קאמיטעט, וואס געפינט זיך דא צו העלפן די אימיגראנטן.

דא האב איך געטראפן אדעסער באקענטע, וואס זענען אוועקגעפארן אסך פריער פון מיר. אסך פון זיי זענען אין דערהיים געווען גאנצע פראנטן, דא זענען זיי אפגעריסן און אפגעשליסן. אויף זייערע פנימער זעט מען, אז זיי איז נישט גוט. נאר די יוגנט פארלירט נישט דעם מוט.

## אין קעסל־גארדן, און דער קאמיטעט צו העלפן די „גרינע"

די גרעסטע צאל אידן, וואס האבן דעמאלט געוואוינט אין ניו יארק, האבן געשטאמט פון די פארטריבענע אידן פון שפאניע און פארטוגאל, און אסך זענען געווען דייטשע אידן. אונזערע לאנדסלייט פון רוסלאנד, פוילן און גאליציע זענען געווען נישט מער ווי א פאר טויזנט. כמעט אלע האבן זיי געוואוינט אויף דער איסט-סייד.

די נייע אידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד האָבן אין ניו יאָרק נישט געהאַט נישט קיין פריינט און נישט קיין קרובים צו וועמען צו פאַרפאָרן. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך חדשים-לאַנג אַרומגעוואַלגערט אויף באַנען און סטאַנציעס, און זע-נען ענדלעך אָנגעקומען אין דער גאָלדענער מדינה, האָבן זיי אַפילו נישט געהאַט קיין געלט צו דינגען זיך אַ דירה. פאַר דידאָזיקע היימלאָזע וואַנדערער האָט די „היברו אייד סאָסייעטי" (אידישער הילף-פאַריין), די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן צו העלפן די אידישע אימיגראַנטן אין ניו יאָרק, געפּועלט, אַז מע זאָל די „גרינע" לאָזן אַ שטיקל צייט אויפהאַלטן זיך אין קעסל גאַרדן.

אַ קאָמיטעט פון די היגע רייכע יאַהודים פלעגט אוים-טיילן עטלעכע מאָל אין טאָג טיקעטס פאַר וועלכע מע פלעגט געבן אין אַ אידיש-גויעשן דעליקאַטעסן-געשעפט, נישט ווייט פון קעסל גאַרדן, עטלעכע סענדוויטשעס. די איינציקע האָפענונג, וואָס די אימיגראַנטן האָבן געהאַט, איז געווען — צו קריגן אַרבעט, וואָס זאָל געבן אַ מעגלעכקייט צו דינגען זיך אַ דירה.

גליקלעך זענען געווען די „גרינע", וואָס האָבן גע-קענט אַ מלאכה פון דערהיים. די שניידער, אַשטייגער, האָבן גלייך געקריגן אַרבעט. שניידער-באַלעבאַטים פלעגן כמעט יעדן טאָג קומען אין קעסל-גאַרדן זוכן אַרבעטער. דער גרעסטער טייל אָבער פון די אימיגראַנטן האָט נישט געהאַט קיין שום מלאכה אין דער האַנט. און אויסלערנען זיך אַ מלאכה איז אין יענע יאָרן נישט געווען פון די לייכ-טע זאַכן פאַר אַ אידישן אימיגראַנט. וואָרן די מיינסטע פאַבריקן זענען געווען קריסטלעכע, וואו מע האָט גערעדט בלויז ענגליש.

דער אָפּיס פון דעם „קאָמיטעט", וואָס האָט געשיקט

אויף אַרבעט, איז געווען אין אַ קעלער, נאָענט פון דעם בעטערי פּאַרק, גלייך אַנטקעגן קעסל גאַרדן. אין יענעם קעלער האָט מען אויך געטיילט די אימיגראַנטן אַלטע קליידער.

אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז מע האָט געשיקט די גרינע אַרבעטן אין פאַבריקן, וואו מע האָט געסטרייקט. אין אַזאַ פאַל פלעגן געוויינטלעך די סטרייקערס מכבד (מע־כאַבעד) זיין די נייע אַרבעטער מיט קלעפּ. אָבער ווי נאָר די גרינע פלעגן אויסגעפינען, אַז מע סטרייקט, פלעגן זיי זיך אויך אָנשליסן אין סטרייק.

די אמתע דזשאָבס פלעגן די אימיגראַנטן קריגן ביי די רייכע קאָמיטעט־לייט, וואָס האָבן אַליין פאַרמאָגט פאַב־ריקן. איינער פון דעם קאָמיטעט איז געווען אַ רייכער וואַרשעווער איד, מר. שטאַכלבערג, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע סיגאַר פאַבריק. ביי אים האָבן געאַרבעט אַ דריי, פיר הונדערט סיגאַר־מאַכער. מר. שטאַכלבערג איז געווען אַ פריינטלעכער מענטש. ער פלעגט אַליין קומען אין אָפיס פון דעם קאָמיטעט און געבן די גרינע עצות. אַסך פלעגט ער אַרויפנעמען אַרבעטן צו זיך אין דער פאַבריק.

עס איז געווען נאָך אַ איד, מר. בלאָך, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די גרינע. מר. בלאָך האָט אַליין געהאַט אַ גרויסע בלעך־פאַבריק אויף עליזאַבעט סטריט. ער פלעגט אויך אַרויפנעמען אַסך גרינע צו זיך אין פאַב־ריק אַריין. אַזוי האָבן די אימיגראַנטן ביסלעכוויַיז געקריגן אַרבעט. און ווער סע האָט אָנגעהויבן פאַרדינען גענוג צו קענען זיך דינגען אַ דירה, פלעגט פאַרלאָזן דעם קעסל־גאַרדן און זיך באַזעצן אויף דער איסט סייד.

## איך גיי זוכן אַ לאַנדסמאַן און קוק מיר דערווייל אָן ניו יאָרק

איין שיינעם זומערטאָג, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקומען אין קעסל גאַרדן, בין איך מיט מיינעם אַ פריינט אַוועק זוכן אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט געוואוינט אין אָרטשאַרד סטריט. פון בעטערי פּאַרק זענען מיר אַרויף אויף בראָדוויי, און אַפּגייענדיק עטלעכע בלאָק, האָבן מיר פאַר זיך דערזען אַ גרויסן עולם. די מערסטע זענען געווען רייך געקליידט. בראָדוויי האָט אויסגעזען צו שמאָל פאַר אַזאַ גרויסן עולם. וואָס ווייטער — איז די מאַסע געוואָרן געדיכטער, און עס איז פּשוט שווער געווען דורכצושלאָגן זיך אַ וועג דורך אַזאַ עולם.

מיר קוקן זיך איין אין די פּנימער פון די מענטשן — קיינער פון זיי זעט נישט אויס ווי קיין איד; קיינער פון דערדאָזיקער מאַסע רעדט נישט אַרויס קיין אידיש וואָרט. און דאָך פאַרשטייען זיי וואָס מיר פרעגן, און זיי ווייזן אונז ווי צו גיין צו אָרטשאַרד סטריט. ערשט אין פּאַרק ראָו, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט קראָמען, האָבן מיר ביי אַ קעלער מיט אַלטע שיך דערקענט איינעם פון אונזערע אידן.

מיר האָבן זיך ביי אים פונאַנדערגעפרעגט ווי אַזוי צו גיין צו אָרטשאַרד סטריט, און ער האָט אונז גענוי אָנגעוויזן דעם וועג. וואָס ווייטער — זענען די הייזער געווען קלענערע. אויף בראָדוויי זענען כמעט אַלע הייזער געווען 6‑5 שטאָקיקע, אויף איסט בראָדוויי — מיינסטנס שוין צוויי און דריי און פיר שטאָקיקע הייזער, און אַלע פון רויטע ציגל.

איך מיט מיין פריינט שפּאַצירן זיך אַזוי איבער די גאַסן פון דער גילדענער מדינה, וואו „מע שאַרט געלט




איך מיט מיין פריינט שפּאַצירן זיך אַזוי איבער די גאַסן פון דער גילדערנער מדינה, וואו „מע שאַרט געלט מיט לאָפּעטעס”. מיר שפּאַצירן און — זעען נישט קיין פּעני פאַר די אויגן

מיט לאַפּעטעס". מיר שפּאַצירן און — זעען נישט קיין פּעני פאַר די אויגן.

ענדלעך קומען מיר אין אָרטשאַרד סטריט. די הייזער זענען רויטע ווי כמעט אומעטום. די גאַס איז שמאָל און שמוציק. קינדער לויפן אַרום באָרוועס. אויף ביידע זייטן גאַס שטייען פּושקאַרטס (שטופּ-וועגעלעך) מיט גרינס, מיט פרוכט און מיט פיש, און מיט אַלערליי אַלטוואַרג. די פּעד־לערס שרייען אוים אויף אַ הויך קול וואָס זיי האָבן צו פאַרקויפן.

די היץ ברענט און די לופט איז שטיקענדיק. מידע און דאָרשטיקע זענען מיר סוף-כל-סוף אַריין אין אַ הויכן, רויטן טענעמענטהויז, וואו אונזער לאַנדסמאַן האָט גע־וואוינט גאָר אויפן אייבערשטן שטאָק.

אין הויז האָבן מיר געטראָפן בלויז זיין פרוי. ער אַליין, דער לאַנדסמאַן, איז געווען אין שאַפּ ביי דער אַר־בעט. די פרוי האָט אונז פריינטלעך אויפגענומען, האָט אונז מכבד געווען מיט לימאָנאַד און מיט באַנאַנעס, און זי האָט זיך געפרייט צו הערן אַ גרוס פון דער היים.

פאַרנאַכט איז אַהיימגעקומען דער לאַנדסמאַן. זיי האָבן אונז פאַרבעטן צו עסן מיט זיי „סאַפּער" (נאַכטמאָל), און האָבן אונז פאַרהאַלטן אויף איבער נאַכט, וואָרן עס איז שוין געווען שפּעט צו שלעפּן זיך צוריק אין קעסל גאַרדן.

אונזער לאַנדסמאַן האָט באַוואוינט א דירה פון צוויי צימערן צום הויף צו. איין צימער האָט געדינט פאַר אַ פאַרוויילונג-צימער, פאַר אַן עס-צימער און פאַר אַ קיך. דאָס צווייטע צימער -- אַ פינסטערס, אַ קליינס, מיט אַ פאַרגראַטעוועט פענסטערל צום קאָרידאָר אַרוים — איז גע־ווען דאָס שלאָפצימער פאַר די באַלעבאַטים. אין דער אמתן אָבער האָבן ביידע צימערן אויף ביינאַכט געדינט פאַר שלאָפצימערן.

אויף יעדן שטאָק זענען געווען צו פיר אַזוינע דירות, צוויי צו דער גאַס און צוויי צום הויף. געצאָלט האָט אונזער לאַנדסמאַן פאַר דער דירה זיבן טאָלער אַ חודש. פאַרדינט האָט ער אַכט טאָלער אַ וואָך. דאָס האָט אין יענע צייטן געהייסן זייער גרויסע פאַרדינסטן פאַר אַן אימיגראַנט.

אַז ס'איז געקומען צום שלאָפן — האָט אונזער לאַנדסמאַן גענומען אַן אַלטן מאַטראַץ און אַ קישן און האָט אונז אַרויפגעפירט אויפן דאַך שלאָפן. אין די צימערן איז נישט געווען קיין פּלאַץ, ווײַל אויסער דער פאַמיליע זענען נאָך געווען צוויי קוואַרטיראַנטן (באָרדערס). עס איז געווען זייער אַ הייסע נאַכט, און דער דאַך איז געווען פול מיט געלעגערס. מיר האָבן קוים מיט צרות געפונען אַ שטיקל פּלאַץ פאַר דעם מאַטראַץ.

פון דעם דאַך האָבן מיר דערווייל געהאַט אַ געלעגנהייט אָנצוקוקן ניו יאָרק. די גרעסטע געביידע איז געווען דער הויפּט פּאָסט אַפיס אַנטקעגן סיטי האָל. די ברוקלין בריק האָט מען געהאַלטן אין בויען, און מע האָט געקענט זען אַ שטיק בריק אויף דער ברוקלינער זייט. מיר האָבן אויך געזען די עלעווייטעדס, געפירט פון לאָקאָמאָטיוון, אויף צווייטער און דריטער עוועניו; אין די גאַסן די קאַרס, וואָס זענען געשלעפּט געוואָרן פון פערד; קאַרעטעס, אָפענע און פאַרמאַכטע, און קליינע עקיפּאַזשן (הענסאָמס) מיט די קוטשערס אויף אַ הויכן זיץ־פּלאַץ, הינטער די פּאַסאַזשירן, זענען געפלויגן איבער אַלע גאַסן. אין די גרויסע געשעפטן איז שוין געווען עלעקטרישע באַלייכטונג, און די גאַסן האָבן געשווימלט מיט מענטשן, איבערהויפּט דער דאַון־טאַון פון בראָדוויי.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן מיר זיך אומגעקערט צו־




עס איז געווען זייער אַ הייסע נאַכט און דער דאַך איז געווען
פול מיט געלעגערס. מיר האָבן קוים מיט צרות
געפונען אַ שטיקל פּלאַץ.

ריק אין קעסל גאַרדן וואַרטן אויף אַ „דזשאַב". איך האָב געוואַרט עטלעכע טעג. איין שיינעם פרימאָרגן האָט מיר פּלוצים געטראָפן אַ גרויס גליק. די מעשה איז געווען אַזאַ:

## איך קריג אַרבעט

איך שטיי אַזוי לעבן אָפיס, וואו אַ קאָמיטעט האָט געשיקט די אימיגראַנטן אויף אַרבעט. פאַר דעם אַריינ־גאַנג שטייט אַ פּאָליסמאַן און לאָזט קיינעם נישט אַריין. מיטאַמאָל האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן אַ גרויסער ליאַ־רעם. דער דיקער איירישער „בלויער ראָק" (פּאָליסמאַן) האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעקערט זען פונוואַנען סע קומט דער טומעל. איך נוץ אויס דעם מאָמענט. איך גיב אַ שפּרונג אַראָפּ און בין שוין אין קעלער פאַר דעם קאָמיטעט.

אויבנאָן זיצט מר. שטאַכלבערג און רעדט צו די גרי־נע זייער פריינטלעך. אין זיין רעכטער זייט און אין זיין לינקער זייט זיצן אַנדערע קאָמיטעט־לייט. איך נעם מיך אָן מיט מוט, גיי צו נעענטער און זאָג מר. שטאַכלבערגן, אַז ער האָט מיר צוגעזאָגט, ער וועט מיך אַרויפנעמען אַר־בעטן אין זיין פאַבריק אַריין. איך דערצייל אים, אַז אַסך פון מיינע פריינט אַרבעטן שוין ביי אים.

מר. שטאַכלבערג הערט מיך אויס און באַטראַכט מיך. מיר דאַכט זיך, אַז איך געפעל אים. ער פרעגט זיך פונאַנ־דער וואו איך וואוין. איך זאָג אים, אַז איך שטיי איין אין „האָטעל" קעסל גאַרדן. דער וויץ געפעלט אים. ער גיט מיר אַ קאַרטל, און זאָגט מיר, איך זאָל מיט דעם קאַרטל מאָרגן גיין אין פאַבריק אַריין. איך דאַנק אים און גיי אַ דערפרייטער צוריק אין קעסל גאַרדן.

איך האָב מיך שוין קוים דערוואַרט אויפן צווייטן טאָג. פיר אַזייגער באַגינען בין איך שוין געשטאַנען גרייט צו גיין

צו דער אַרבעט. דער עולם, וואָס האָט אויך געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט, און וואָס איז געשלאָפן אויף דר'ערד, אָדער אין הויף אויפן גראָז, האָט זיך ערשט גענומען אָנ־טון. אַסך פלעגן שלאָפן אויף די באַרקעס, וואָס זענען גע־שטאַנען צוגעבונדן ביים ברעג.

איך וואַרט אויף מיין פריינט, וואָס האָט נאָך פון פריער געאַרבעט ביי מר. שטאַכלבערגן אין דער פאַבריק. ער האָט נאָך דערווייל נישט גענומען זיך קיין דירה, און ער קומט שלאָפן אין קעסל גאַרדן.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן איבערגעביסן, זענען מיר אַוועק צו דער סיגאַר־פאַבריק. מיין פריינט, וואָס רופט זיך שוין „מאָזעס", ווייזט מיר אָן אויפן פאָרמאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ געזונטער דיקער דייטש מיט אַ קייזער פראַנץ יאָזעף באַקנבאָרד.

איך גיי צו אים צו און גיב אים מר. שטאַכלבערגס קאַרטל. ער לייענט איבער דאָס קאַרטל און ווערט אין כעס. ער ברומט און שעלט. ער הייסט מיר, איך זאָל גיין מיט אים. איך גיי אים נאָך. ער גיט מיר עפּעס אַ זאַק און זאָגט:

— דאָס איז אַן „אייפּראָן" (פאַרטוך), דו גרינהאָרן — זאָגט ער צו מיר, — נעם, טו עס אָן.

איך טו אויס מיין ראָק, און בינד מיך אַרום מיט דעם זאַק. דער פאָרמאַן פירט מיך דערנאָך צו צו אַ קאַסטן, נעמט פון דאָרטן אַרויס טאַבאַק־בלעטער, גיט מיר אַ פלאַץ צווישן די אַרבעטער, און ווייזט מיר ווי אַזוי אַרויסצוציען די אָדערן פון די בלעטער.

— אויב דו וועסט מיר צערייסן די טאַבאַק־בלעטער, שמיים איך דיך אַרונטער פון אַלע טרעפּ. — ער רעדט אידיש, דער פאָרמאַן, אָבער מיט לויטער פּאַסעכן.

אין דער פאַבריק האָבן געאַרבעט אַרום זעכציק מענטשן, אַלטע לייט: מענער און פרויען, און גאָר יונגע בחורים און מיידלעך. מיינסטנס גרינע. מיינע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע האָבן מיך גענומען לערנען די געוואַל-דיקע קונץ פון ציען די אָדערן פון די בלעטער.

איך האָב געאַרבעט פלייסיק און פּאַרזיכטיק. אין האַרצן האָב איך ביי מיר געטראַכט, אַז ס'איז נישט כדאַי געווען צו פאָרן אַזוי ווייט, כדי צו טון אָט די „וויכטיקע" אַרבעט.

צוועלף אַזייגער האָבן אַלע אָוועקגעלייגט די אַרבעט. יעדער האָט זיך אַרויסגענומען זיין פּעקעלע עסן און האָט זיך געזעצט עסן. איך האָב מיר גאָרנישט ניט מיטגע-נומען צו עסן. מיינע באַקענטע האָבן זיך אָבער געטיילט מיט מיר מיט זייערע אָרימע ביסנס. זעקס פאַרנאַכט זענען מיר אַלע געגאַנגען אַהיים.

פאַרן אַהיימגיין האָט מיין פריינט איבערגעציילט וויפל פּעקלעך טאַבאַק-בלעטער איך האָב דעם ערשטן טאָג אויס-געאַרבעט. ער רעכנט אויס, אַז איך האָב פאַרדינט 29 סענט. עס איז געווען שטיק-אַרבעט.

יעדן טאָג האָב איך אויסגעאַרבעט מער פּעקלעך און האָב פאַרדינט אַלץ מער מיט עטלעכע סענט. נאָך דער גאַנצער וואָך אַרבעט — האָב איך שבת אָפּגענומען מיין געצאָלטס, וואָס האָט באַטראָפן צוויי טאָלער מיט זיבעצן סענט.

## אַ גליק האָט אונז געטראָפן — מע בעט אונז צו דער אַרבעט

נישט אַלע אימיגראַנטן זענען געווען אַזוי גליקלעך ווי איך צו געפינען אַ שטעלע. הונדערטער פון זיי האָבן זיך חדשים-לאַנג נאָך געוואַלגערט אין קעסל גאַרדן.

איין שיינעם טאָג אין חודש יוני איז צום קעסל גאַרדן צוגעשוואומען אַ גרויסע ווייסע שיף. צווישן עולם ביים ברעג איז געוואָרן אַ טומל. אַלע האָבן זיך געשטופּט צו דער שיף. יעדער האָט געוואָלט וויסן וואָסער שיף דאָס איז. קיין אימיגראַנטן האָט מען אויף איר נישט געזען.

אַז די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז פון איר אַרונטערגעקומען אַ שיין־געקליידטער יונגערמאַן. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרופּע אימיגראַנטן און האָט גענומען רעדן צו זיי אויף דייטש.

ער איז געקומען זוכן אַרבעטער. פינף הונדערט אַרבעטער וויל ער. און צאָלן וועט ער יעדן צוויי טאָלער אַ טאָג, און עסן וועט ער אויך געבן. יעדן אינדערפרי וועט ער קומען מיט דער שיף און אַלעמען מיטנעמען צו דער אַרבעט. עס איז נישט ווייט. מע דאַרף בלויז צופאָרן אַ שטיקל וועג מיט דער שיף. פאַרנאַכט וועט ער אַלעמען צוריקברענגען אין קעסל גאַרדן.

די אַרבעט איז נישט קיין שווערע, האָט ער ווייטער דערקלערט. מע דאַרף אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן. די לאַסט דאַרף מען נישט שלעפּן אויף זיך, מע דאַרף זי בלויז פירן מיט אַזוינע וועגעלעך. ווער סע וויל אַרבעטן — דעם וועט ער פאַרשרייבן.

צווישן עולם איז ווידער געוואָרן אַ טומל. יעדער האָט געזוכט זיינע פריינט צו פאַרשרייבן זיך אויף אַרבעט. דאָס דייטשל האָט אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַן „אַרמיי". כמעט אַלע האָבן זיך פאַרשריבן צו גיין אויף מאָרגן צו דער אַרבעט.

יענעם אָוונט איז געווען פריילעך צווישן עולם. ענדלעך האָט זיך באַוויזן דאָס לאַנג־דערוואַרטע גליק. אַ נייע האָפענונג האָט אויפגעשיינט פאַר יעדן. מע וועט גיין




כ. קאזלאווסקי

אין שיינעם פרימאָרגן אין חודש יוני איז צום קעסל-גאַרדן צוגעשוואומען אַ גרויסע שיף.

אַרבעטן, פֿאַרדינען, און מע וועט קענען פֿאַרלאָזן דעם קעסל גאַרדן און זיך באַזעצן אין דעם אמת׳ן אַמעריקע: אין די באַרימטע גאַסן: עלען, אָרטשאַרד, לודלאָו, עסעקס, קאַנאַל, העסטער, גרענד און ברום, וואו אַלע אידן וואוינען.

געלייגט האָט מען זיך יענעם אָוונט שפּעטער, און אויפֿגעשטאַנען איז מען אויף מאָרגן אסך פֿריער. קוים אויף באַגינען האָט אַ שטאַרקע פּייפּעריי און הוזשערייַ אויפֿגעוועקט דעם עולם, וואָס איז געווען אויסגעלייגט אויף דר׳ערד. מע האָט זיך אויף גיך אָנגעטון און מע איז אַרויס אינדרויסן.

די שיף איז שוין געשטאַנען ביים ברעג. און נאָך איידער מע האָט געשלאָגן זעקס — איז די שיף אָפּגעפֿאָרן מיט אַלעמען צו דער אַרבעט.

ביים פֿאַרלאָזן דעם ברעג האָט מען יעדן איינעם געגעבן אַ קענדל מילך מיט אַ ווייסן לאַבן ברויט. קיין טישן זענען נישט געווען אויף דער שיף. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אויפֿן דעק און האָט געגעסן דעם פֿרישטיק מיט גרויס אַפּעטיט.

די גאַנצע רייזע האָט געדויערט אַרום צוואַנציק מינוט. די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ דאָק. די נייע אַרבעטער זענען אַראָפּ אויף דער יבשה (יאַבאָשע) מיט די מילכקענדלעך און איבערגעבליבענע שטיקלעך ברויט אין די הענט.

אויפֿן דאָק האָט מען אַלעמען אַריינגעטריבן אין אַ ריזיקער שאָפּע*), וואָס איז געווען פֿול מיט קאַסטנס און מיט גרויסע פּעק. גערעדט האָט מען צו די גרינע אַביסל אויף ענגליש און אַביסל אויף שטום-לשון. מע האָט דעם עולם געגעבן אייזערנע שטופּוועגעלעך און האָקנס און מע

*) מאַגאַזין, Shed

האַט אַנגעוויזן ווי אַזוי די קאַסטנס אַריינצושלעפּן אין די שיפן אַריין.

דעם אמת געזאָגט, די אַרבעט האָט דעם עולם נישט געשמעקט זייער שטאַרק. נאָר אַ ברירה (ברײַרע) האָט מען געהאַט?! מע האָט געפירט און געשלעפּט און געטון וואָס מע האָט געהייסן. אין האַרצן ביי זיך איז קיינער נישט געווען צופרידן. דער עולם איז נישט געווען צופרידן פון דער אַרבעט, און די פּאַרלייט זענען נישט געווען צופרידן מיט די אַרבעטער.

צוועלף אַזייגער האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער פייף. אַלע האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט. מע האָט דעם עולם געהייסן נעמען די בלעכענע קענדלעך און מע האָט יעדן געגעבן קאַווע און ווידעראַמאַל צו לאַבנס ברויט.

נאָכן עסן האָט מען זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט, און אַז סע האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל, האָט מען זיך געשטעלט צוריק צו דער אַרבעט.

דער טאָג איז אַוועק. דער עולם איז געווען מיד און צעבראָכן. מע האָט אַפילו נישט קיין כוח געהאַט צו עסן די לאַבנס ברויט, וואָס מע האָט אויסגעטיילט אויף דער שיף ביים צוריקפאָרן.

ווען די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים קעסל גאַרדן — איז מען געוואָרן אַביסל פרייליכער. מע איז אָבער לאַנג נישט געזעסן. דער עולם איז אַוועקגעפאַלן אויף די געלעגערס אויף דר׳ערד ווי סנאָפּעס.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך איבערגעכאַזערט דיזעלבע מעשה. אַ היפּשע צאָל פון די נעכטיקע אַרבעטער האָט אָבער חרטה (כאַראָטע) געהאַט און האָט נישט געוואָלט פאָרן צו דערדאָזיקער אַרבעט. דערפאַר זענען אָבער צוגעקומען אַסך נייע אַרבעטער.

דאָס דייטשל האָט געמאַכט אַ רעוויזיע. ער האָט פאַר־שריבן די נעמען, און מע האָט אויסגעטיילט ברויט מיט מילך. אין די שאַפּעס אויפן דאַך האָט מען זיך גענומען צו דער נעכטיקער אַרבעט.

אַזוי זענען אַוועק דריי טעג.

אויפן פערטן טאָג, דאָס איז געווען אַ פריטיק נאָכ־מיטיק, איז איינער פון דעם עולם אַרויסגעגאַנגען פון שאַפּע אויף דער גאַס אַרויס. פּלוצים זענען אים באַפאַלן עטלעכע איירישע אין אַרבעטער־הויזן און האָבן אים גוט אָנגע־בראָכן די ביינער. עס זענען אָנגעקומען פּאָליסלייט און האָבן דעם צעשלאָגענעם אַריינגעפירט צוריק אין שאַפּע אַריין.

אַז דער עולם האָט דערהערט די מעשה מיט דעם צע־שלאָגענעם, האָבן צוויי אינטעליגענטן, וואָס האָבן געקאָנט אַביסל ענגליש, שטיין געלאָזן די אַרבעט, און זענען אַרויס אין גאַס אויסגעפינען פאַרוואָס מע האָט דעם לאַנדסמאַן צעשלאָגן.

סע האָט נישט גענומען לאַנג און די צוויי אינטעלי־גענטן זענען צוריקגעקומען און האָבן דערציילט אַזאַ מעשה:

די דאַך־אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט — סטרייקן. אַלע ניו יאָרקער דאַך־אַרבעטער, וואָס מע רופט „לאָנגשאָרמען”, עטלעכע טויזנט אין צאָל, זענען אַרויס אין סטרייק פאַר אַ העכערן לוין. זיי ווילן 25 סענט אַ שעה, אַנשטאָט 20 סענט.

אין אָוונט, ווען דער עולם איז געקומען מיט דער שיף פון דער אַרבעט, האָט שוין ביים קעסל גאַרדן געוואַרט אַ קאָמיטעט פון די סטרייקערס.

דעמזעלבן אָוונט איז אונטערן פרייען הימל אין קעסל גאַרדן אַראַנזשירט געוואָרן אַ מיטינג. ביז שפּעט ביינאַכט

איז אַרומגערעדט געוואָרן די פראַגע וועגן סטרייק, און עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַרשידענע פּלענער ווי מע זאָל זיך פירן ווייטער.

## די גרינע גייען אַרויס אין סימפּאַטיע־סטרייק

יענעם אָוונט האָט מען זיך געלייגט שפּעט. דער מי־טינג, די פּלענער, און די אויפרעגונג, וואָס די פּאַסירונג האָט אַריינגעבראַכט צווישן עולם, האָבן אַביסל פאַרטומלט און געמאַכט פאַרגעסן די ביטערע דאגות וועגן אַרבעט און ברויט, וואָס האָבן שווער געדריקט יעדן איינעם.

אינדערפרי, עס איז גראָדע געווען שבת, ווען מע האָט געזאָלט אויסצאָלן דעם עולם פאַר דער וואָך אַרבעט, זענען אַלע אָפּגעפאָרן מיט דער ווייסער שיף ווי געוויינלעך.

דאָס דייטשל, דער סקעב־אַגענט, וואָס האָט, ווייזט אויס, עפּעס דערשמעקט, האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַרן עולם און געבעטן, מע זאָל אַרבעטן פלייסיק.

די שיף איז צוגעשוואומען צום דאָק, דער עולם איז אַרונטער, נאָר קיינער האָט זיך נישט געשטעלט אַרבעטן. אַזוי איז געווען דער פּלאַן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן מיטינג. דער עולם האָט פאַרלאַנגט, מע זאָל זיי אויסצאָלן פאַר זייער אַרבעט. אַ קאָמיטעט האָט דאָס דערקלערט דעם פאָרמאַן.

מע האָט דעם עולם אַרויפגעטריבן צוריק אויף דער שיף, און מע האָט זיי צוגעפירט נאָענט צו אַן אַנדערן דאָק. דאָרט זענען געשטאַנען אַסך שיפן. די שיף מיט די נייע סטרייקערס האָט מען צוגעבונדן צו איינער פון די שיפן, און זי איז אַזוי געשטאַנען אינמיטן וואַסער ביז נאָכמיטיק.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. די זון האָט גע־בראָטן, און דעם עולם האָט גענומען דאַרשטן. קיין טרינק־

וואָסער איז אָבער נישט געווען פאַר דעם עולם אויף דער שיף. דאָס האָט אַלעמען נאָך מער אויפגערייצט, און מע האָט געשריגן און געליאַרעמט, נאָר אומזיסט. דער קאַפּיטאַן האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין קאַבינע און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך.

אַזוי איז מען געלעגן אויף דער שיף פון זעקס אַזייגער אינדערפרי ביז אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטיק, הונגעריקע און דאָרשטיקע.

ערשט אַרום דריי אַזייגער האָט מען אָפּגעבונדן די שיף און מע האָט די נייע סטרייקערס צוריקגעפירט צום דאָק, וואו מע האָט געאַרבעט. מע האָט אַלעמען אויסגעשטעלט אין אַ ריי און מע האָט אָנגעהויבן אויסצאָלן.

ווי נאָר די ערשטע עטלעכע אַרבעטער האָבן באַקומען אין פאַרמאַכטע קאָנווערטן זייער פאַרדינסט — האָבן זיי געמאַכט אַ געוואַלט, אַז מען האָט זיי באַשווינדלט. יעדערער האָט דערוואַרט צו באַקומען צו זעקס טאָלער פאַר די עטלעכע טעג אַרבעט, צום סוף האָט יעדער איינער געפונען אין זיין קאָנווערט בלויז אַ טאָלער מיט זיבעציק סענט. אַן אמתער שווינדל.

עס איז ווידער געוואָרן אַ ליאַרעם. דער עולם האָט געפאָדערט דאָס פולע פאַרדינסט. נאָר דאָ זענען אָנגעקומען דעטעקטיווס און פּאָליסלייט און זיי האָבן גענומען שלאָגן רעכטס און לינקס. צום סוף האָט איינער פון דער קאָמפּאַניע דערקלערט, אַז מע האָט יעדן אויסגעצאָלט וויפל מע האָט צוגעזאָגט. איי דאָס, וואָס סע פעלט צו די זעקס טאָלער, דאָס האָט די קאָמפּאַניע אַראָפּגענומען פאַר דעם עסן.

דער עולם האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט. דאָס

איז דאָך פּשוטע רויבעריי אַראָפּצורעכענען אַזויפיל פאַר עטלעכע לאַבנס ברויט מיט מילך.

נאָך אַסך ריידערייען איז געבליבן, אַז מע וועט רעכענען יעדן איינעם אַ טאָלער אַ טאָג פאַר די ברויטן מיט מילך. מע האָט יעדן דערלייגט דאָס איבעריקע און מע איז אַרוים אין גאָס צו גיין שטילן דעם הונגער און דאָרשט. אַ קאָמיטעט פון די „לאָנגשאָרמען" האָט די אימיגראַנטן אָפּגעפירט אַהיים אין קעסל־גאַרדן.

אין אָוונט איז געווען אַ מיטינג. די לאָנגשאָרמען יוניאָן, וואָס האָט אָנגעפירט דעם סטרייק ביי די שיף־קאָמפּאַניעס, האָט איינגעלאַדן די גרינע אימיגראַנטן, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין זייער דעמאָנסטראַציע, וואָס זיי אָרגאַנזשירן אויף מאָנטיק אינדערפרי. די איינלאַדונג איז מיט גרוים פרייד אָנגענומען געוואָרן.

מאָנטיק, צען אַזייגער אינדערפרי, האָט זיך די דעמאָנסטראַציע פון די לאָנגשאָרמען אָנגעהויבן ביים בעטערי פּאַרק. מע איז אַוועק איבער בראָדוויי ביז יוניאָן סקווער. דאָרטן האָט מען אַדרעסירט די סטרייקערס אין ענגליש און דייטש.

זעקס טויזנט מענטשן האָבן זיך יענעם טאָג באַטייליקט אין דעם פּאַראַד. צווישן זיי זענען געווען אַרום טויזנט אידישע אימיגראַנטן, אָנגעטון אין זייערע „גרינע" קליידער.

טייל גרינע זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין יוניפאָרמס. דאָס זענען געווען געוועזענע טעלעגראַפיסטן, וואָס האָבן מיטגעבראַכט זייערע יוניפאָרמס. די זייטיקע צוקוקער האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען זיכער גרויסע באַאַמטע, און זיי האָבן געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף די מאַרשירנדיקע און זיי האַרציק געגריסט.

אַזוי האָבן די אידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן, צום ערשטנמאָל זיך באַטייליקט אין דער אַמעריקאַנישער אַרבעטער־באַוועגונג.



## ביי וואָס די ערשטע אידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד האָבן געאַרבעט

יעדער אידישער אימיגראַנט איז געפאָרן קיין אמעריקע מיט די גרעסטע האָפענונגען. אַ קלייניקייט! מע פאָרט דאָך עפּעס אין אַ לאַנד, וואו מע שאַרט גאָלד אין די גאַסן. נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אַלע, כמעט אָן אויסנאַם, האָבן געמוזט אַרבעטן שווער און ביטער אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט.

די פאַרדינסטן, וואָס אַ אידישער אַרבעטער האָט אין יענע צייטן געקאָנט פאַרדינען, זענען געווען פון צוויי ביז דריי טאָלער אַ וואָך.

אַרבעטן האָבן אַלע געאַרבעט פון שטיק, און צו 15 ביז 18 שעה אַ מעת-לעת. אידישע אימיגראַנטן האָבן מיינסטנס געאַרבעט ביי העמדלעך, זעק, שמאַטעס, ביי קינ-דער-הייזלעך און ביי ביליקע רעק. אסך האָבן אויך געאַר-בעט אין בלעך-פאַבריקן און ביי סיגאַרן. וואָרן די מיינסטע האָבן נישט געקאָנט קיין מלאכה פון דער היים. און דאָס זענען געווען מלאָכות, וואָס מע האָט זיך נישט געדאַרפט לאַנג לערנען.

און גענומען האָט מען זיך צו דער ערשטער אַרבעט, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט קריגן. וואַרטן אויף עפּעס בע-סערס, אָדער לערנען זיך אַ מלאָכה, וואָס דאַרף געדויערן אַ שטיקל צייט — האָט קיינער נישט געקענט. וואָרן יע-דערער האָט גלייך געמוזט פאַרדינען, צו האָבן מיט וואָס איבערצולעבן אַ טאָג.

די שעפער, וואו גרינע פלעגן אַריינפאַלן, זענען געווען

קליינע און פינסטערע קעלערן און צימערן אין די טענע־מענט הייזער אויף דער איסט סייד. די באַלעבאַטימלעך, אַליין אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן רעכט אויסצוגרינען, פלעגן אַרויסנעמען אַרבעט ביי די גרויסע קליידער פאַבריקאַנטן. זיי האָבן באַקומען די סחורה שוין צוגעשניטן, און אין די קליינע שעפּער פלעגט די אַרבעט אויפגעניייט ווערן.

## דער באַרימטער שוויצשאַפּ (סוועט־שאַפּ)

די קליינע שעפּער אין די טענעמענט־הייזער האָט מען גערופן „סוועט־שעפּער", אָדער שוויצשעפּער. אַזאַ שוויצ־שאַפּ איז געווען אי אַ שאַפּ, אי אַ וואוינונג. דאָ האָט מען געאַרבעט און דאָ האָט אויך געוואוינט דער באַלעבאָס פון שאַפּ צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע.

דאָס פאָדערשטע צימער און די קיך פלעגן דינען פאַר אַרבעט־צימערן. ביי די פענסטער זענען געשטאַנען די ניי־מאַשינען פאַר די אָפּערייטאָרס. לעבן זיי זענען גע־זעסן די „ביישטעדס", און אינמיטן שטוב זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אין שטויב און אין מיסט גרויסע פעק מיט סחורה.

אויף דידאַזיקע פעק זיצן אויסגעזעצט עטלעכע „פי־נישערנס". זיי פאַרענדיקן די אויפגעניייטע קליידער. אין קיך שטייען עטלעכע אַלטע אידן און וואַרימען די פרעס־אייזנס. ביים שיין פון גאַז־ליכט פרעסן זיי, אויף אַ ספּע־ציעלן ברעט, די פאַרטיקע מאַנטלען, רעק און הויזן.

אויסער דעם פאָדערשטן צימער און דער קיך — איז געווען נאָך אַ צימער, אַ קליינס און אַ פינסטערס, אָן ליכט און אָן לופט. דאָ איז געווען בלויז אַ קליין פענסטער צום




בײם שײַן פֿון גאַז-ליכט פּרעסן זײ מאַנטלען, רעק און הױזן.

פינסטערן קאָרידאָר אַרוים. דאָס צימער האָט געדינט דער פאַמיליע פאַר אַ שלאָפצימער.

די באַלעבאָטים פון דידאָזיקע שעפער פלעגן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַרויסגעבן נייע גזירות פאַר זייערע אַרבעטער.

דער באַלעבאָס האָט זיך געקאָנט אַרויסגעבן אַ שטייגער אַזאַ מין באַפעל: פון היינטמאָל־אָן און ווייטער זאָלן די אַפּערייטאָרס אַליין אַרויפטראָגן די פּעק סחורה, וואָס ווערן געבראַכט פון די מאַגאַזינען און פון די גרויסע פאַבריקן. אָדער אַזאַ באַפעל: פון איצט אָן וועלן די אַרבעטער קריגן געצאָלטס איינמאָל אין צוויי וואָכן, אָנשטאָט יעדע וואָך.

די פּרייזן פאַר דער אַרבעט האָט יעדער באַלעבאָס אַליין באַשטימט, לויט זיין אייגענעם איינזעען און יושר. די אַרבעטער זענען געווען הילפלאָז. זיי זענען געווען אויסגעזעצט צו די ערגסטע באַדינגונגען, און האָבן געליטן אַ שרעקלעך גיהנום...

---

אין דעם טענעמענט הויז, וואו איך האָב געוואוינט, האָב איך מיך באַקענט מיט אַ יונגגמאַן, מיט אַן אויסגעגרינטן. ער איז שוין געגאַנגען אָנגעטון ווי אַן „אַמעריקאַנער”.

דער נייער באַקענטער מיינער האָט געאַרבעט אין אַ בלעך־פאַבריק אויף העסטער סטריט. זיין אַרבעט איז נישט געווען קיין שווערע. ער פלעגט שטיין ביי אַ גרויסער פּרעס־מאַשין און מאַכן בלעכענע שיסלען. זיינע פאַרדינסטן זענען געווען צוויי מיט אַ האַלבן טאָלער אַ וואָך.

פון די צוויי־פופציק האָט ער 75 סענט אוועקגעגעבן פאַר לאָזשי אַ וואָך. ער איז געשלאָפן אין אַ פאָדערשטן צימער אויף אַ דיוואַן, וואָס מע פלעגט פאַר אים אויפ־

שטעלן אויף ביינאַכט צו שלאָפן. פאַר די 75 סענט, וואָס ער צאָלט דער באַלעבאָסטע, קריגט ער אויך יעדן אינדערפרי אַ גלאָז קאַווע. צו דער קאַווע קויפט ער זיך צוויי פונט שוואַרץ ברויט פאַר דריי סענט און — דאָס איז זיין פרי־שטיק. צו מיטאָג קויפט ער זיך צום ברויט פיר באַנאַנעס פאַר צוויי סענט. אין אָוונט קויפט ער זיך אין גראָסערי אַלט געבעקס, וואָס בלייבט דאָרט איבער פון אינדערפרי; אַ פאָר גלעזער טיי מיט צוקער גיט אים די באַלעבאָסטע פריי. און דאָס איז זיין נאַכטמאָל.

א גאַנצע וואָך קומט נישט אין זיין מויל אַריין קיין שום געקעכץ. בלויז פרייטיקצונאַכטס און שבת עסט ער ביי דער באַלעבאָסטע אַ זופּ מיט אַ שטיקל פלייש. פאַר דעם גיט ער איר עקסטרע דרייסיק סענט.

וועש וואַשט פאַר אים אויך די באַלעבאָסטע. קאַווע, טיי, צוקער און ריינע וועש, דאָס אַלץ קריגט ער פאַר די 75 סענט, וואָס ער צאָלט דער באַלעבאָסטע פאַר לאָזשי אַ וואָך.

מיט קליידער האָט ער זיך אַזאַ עצה געגעבן: פאַר $2.50 האָט ער זיך געקויפט אַ געניצטן אָנצוג אין בעק־סטער סטריט, וואו ס׳איז געווען אַ מארק פאַר אַלטע קליי־דער; פאַר אַ הוט, וואָס האָט אויסגעזען נאָך גאָר ניי, נאָר אָן אן אונטערשלאָק, האָט ער באַצאָלט פופציק סענט. קראַגנס האָט מען געקריגן אַ גאַנצן טוץ פאַר אַכט סענט. דאָס זענען געווען פּאַפּירענע. און אַז אַ קראַגן איז געוואָרן שמוציק — האָט מען אים איבערגעדרייט אויף דער אַנ־דערער זייט. שיך האָט מען געקריגן פאַר אַ טאָלער מיט אַ קוואָדער אַ פּאָר.

אַזוי האָבן געלעבט און זיך געקליידט אין יענע צייטן די מיינסטע אידישע אימיגראַנטן.

# די טענעמענט־הייזער און די דירות

אויף דער איסט־סייד אין ניו יאָרק קאָן מען נאָך היינט זען טענעמענט־הייזער, וואו די ערשטע אידישע אימיגראַנטן האָבן געוואוינט. אַן אונטערזוכונג־קאָמיסיע פון דעם שטאַט ניו יאָרק האָט אין יאָר 1886 פעסטגעשטעלט, אַז די טענע־מענט־הייזער זענען פּאַסטקעס, וואָס זענען אַ געפאַר פאַר די איינוואוינער. אין די מערסטע צימערן קומט קיינמאָל נישט צו קיין זונשיין. די ווענט זענען נאַס און צעפוילט און פאַראורזאַכן אַלערליי קראַנקהייטן.

די מערסטע טענעמענט־הייזער האָבן נישט געהאַט קיין רעטונג־לייטערס (פייער־עסקייפּס). האָט אויסגעבראָכן אַמאָל אַ פייער אין אַזאַ הויז, איז נישט געווען קיין שום מעגלעכקייט צו ראַטעווען די זאַכן. אָפט איז מען אויך געווען אין געפאַר מיטן לעבן.

איינמאָל האָט אויסגעבראָכן אינמיטן נאַכט אַ שרפה (סרייפע) אין עלען סטריט. זיבן מענטשן זענען אין יענער שרפה פאַרברענט געוואָרן.

נאָך יענער טראַגעדיע האָט מען ערשט דורכגעפירט אַ געזעץ, אַז יעדעס טענעמענט־הויז מוז האָבן אייזערנע רעטונגס־לייטערס. און אין יאָר 1901 האָט מען דורכגעפירט אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט צו בויען טענעמענט־הייזער פון אַלטן שניט.

די דירות אין די טענעמענט־הייזער האָבן אויסגעזען ווי צעלן פאַר אַרעסטאַנטן. די מערסטע דירות זענען באַ־שטאַנען פון צוויי, אָדער דריי צימערן. דאָס פאָדערשטע צימער האָט געהאַט צוויי פענסטער צו אַ שמאָלער, שמו־ציקער גאַס, אָדער צו אַ קליינעם ענגן הויף.

דאַסדאָזיקע פאָדער־צימער האָט געדינט — אויב ס׳איז נישט געווען קיין שוויצשאַפּ — פאַר אַן עס־צימער, פאַר

אַ זאַל צו פאַרווײלן, און פאַר אַ קיך. אין דעם צימער האָט זיך אויפגעהאַלטן די גאַנצע פאַמיליע, און דאָ האָט מען אויך אויפגענומען געסט.

אין דעם צימער האָט זיך געפונען אַ פאַרמאַכטער דיוואַן, וואָס מע פלעגט עפענען אויף צו שלאָפן ביינאַכט פאַר אַ פאָר קוואַרטיראַנטן.

דאָס צווייטע צימער, אַ קליינס און אַ פינסטערס, האָט געדינט פאַר אַ שלאָפצימער פאַר דער פאַמיליע. דאָס צימערל האָט געווײנלעך געהאַט אַ קליין פאַרגראַטעוועט פענסטער צום פינסטערן קאָרידאָר, וואו ס'האָט זיך געפונען אַ וואַסער-פאָמפע און אַ וואַשטישל פאַר אַלע שכנים פון דעם גאַנצן עטאַזש.

טייל דירות האָבן נאָך געהאַט אַ דריט צימער, וואָס איז אויסגעקומען צווישן פאָדערשטן צימער און דעם שלאָפצימער. קיין פענסטער איז דאָ אינגאַנצן נישט געווען. דאָס צימער האָט געדינט פאַר אַ קיך. אָבער אויך דאָ איז געשטאַנען אַ זאָפע צום שלאָפן.

אין דערדאָזיקער קיך האָט טאָג ווי נאַכט געברענט אַ ליכט, אָדער אַ נאַפט-לעמפל. קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז נאָך נישט געווען, און גאַז האָט דעמאָלט געקאָסט צו טייער, אַז מע זאָל זיך קענען פאַרגינען גאַזבאַלייכטונג.

אין די דירות איז געווען פינסטער, ענג און שטיקנדיק. דער עולם האָט דעריבער אין יעדער פרייער מינוט באַלאַגערט די טרעפ צום אַריינגאַנג (סטופ), וואו מע איז אַרוים כאַפן אַביסל פרישע לופט.

## דאָס שווערע לעבן פון דער הויזפרוי

שווער איז געווען דאָס לעבן פון דעם אַרבעטער אין שוויצשאָפּ, אָבער נאָך שווערער און געפערלעכער איז גע־ווען דאָס לעבן פון דער הויזפרוי. פירן די הויז־ווירט־שאַפט אין אַ דירה פון אַ טענעמענט־הויז איז געווען אַן אמתע אַפּקומעניש.

די הויזפרוי האָט געדאַרפט קאָכן, באַקן, ראַמען, וואַשן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, און זייער אָפט אויך פאַר עט־לעכע קוואַרטיראַנטן, וואָס מע איז געווען געצוואונגען צו האַלטן. צו דעם אַלעמען פלעגט זי נאָך אָננעמען נײ־אַר־בעט, איבער וועלכער זי פלעגט זיצן אין די אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

ווינטער־צייט איז דאָס קאָכן אויף דעם קוילן־אויוון געווען נאָך צו דערליידן. זומער אָבער האָט מען געקאָכט אויף אַ קעראָסין־אייוועלע, וואָס פלעגט אָנמאַכן אַ שרעק־לעכן ריח. די היץ אין די ענגע צימערן איז געווען אַ שוידערלעכע. די קעראָסין־אייוועלעך פלעגן זיך אָפט אי־בערקערן, דער קעראָסין פלעגט זיך אויסגיסן און אָנמאַכן אַ פייער. נישט איין הויזפרוי האָט אין אַזאַ פייער פאַר־לוירן איר לעבן.

ביינאַכט, אַז מע האָט זיך שוין געלייגט אָפּרוען פון דעם שווערן טאָג אַרבעט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײ גיהנום.

די מערסטע הייזער זענען געווען פאַרפעסטיקט פון וואַנצן. וויפיל מע האָט נישט גערייניקט די צימערן, וויפל מע האָט נישט געשפּריצט מיט קעראָסין און בענזין — האָט מען נישט געקאָנט פּטור ווערן פון דערדאָזיקער מיאוסער אָנשיקעניש. מע האָט גאַנצע נעכט נישט גע־קאָנט צומאַכן רואיק אַן אויג.

צוליב דעם זענען די טראָטואַרן אויף דער איסט סייד געווען גאַנצע נעכט געפּאַקט מיט מענטשן. די אָרימע מו־טערס פלעגן אויסבעטן אויפן טראָטואַר געלעגערס פאַר זייערע קינדער, און אַליין פלעגן זיי זיך אָוועקזעצן היטן די קינדער. דערווייל פלעגן זיי פון מידקייט כאַפּן אַ דרימעל, און שוין אַזוי איבערשלאָפן די נאַכט.

די טאַטעס מיט די זין פלעגן אין די הייסע נעכט שלאָפן אויפן דאַך, אָדער אין די לאַסט־וועגענער (עקספּרעס־וועגענער), וואָס פלעגן שטיין אין גאַס איבער נאַכט.

פאַרן שלאָפן פלעגט יונג און אַלט לויפן מיט בלעכענע קענדלעך אין די ביר־סאַלונען. פאַר 7 סענט האָט מען דאָרט געקריגן אַ מאָס, וואָס האָט געהאַט פינף־זעקס גלעזער ביר. דער עולם האָט אַזאַ מאָס ביר גערופן אַ „פּאַינט". אויף אַזאַ אויפן פלעגן זיך אָרימע אַרבעטער־פאַמיליעס קוויקן יעדן אָוונט מיט אַ גלאָז קאַלט ביר.

די קראַנקהייטן צווישן קינדער זענען געווען אומ־באַשרייבלעך. די „דיספּענסערי" אויף די גאַסן ברום און עסעקס איז שטענדיק געווען באַלאַגערט פון אידישע מוטערס מיט זייערע יונגע קינדער. די שטערבלעכקייט פון קינדער איז געווען זייער גרויס. אָבער אויך די עלטערן, וואָס האָבן געשמאַכט אין די שוויצשעפּער און אין די טע־נעמענט־הייזער, פלעגן שטאַרבן יונגערהייט פון שווינד־זוכט און פון אַנדערע קראַנקהייטן. אויפן סוף פון די אַכ־ציקער יאָרן איז איינער פון יעדע זיבעצן דערוואַקסענע מענטשן אויף דער איסט־סייד געווען קראַנק אויף שווינד־זוכט.

# קינדער, מוטערס און פאָטערס — אַלע מוזן שווער אַרבעטן אויף אַ שטיקל ברויט

אין יענע יאָרן איז די לאַגע פון יונגע אינגלעך און מיידלעך געווען שרעקלעך. אנשטאָט צו גיין אין סקול — פלעגן די מערסטע קינדער אָנפילן די שוויצשעפּער. זיי זענען געווען געצוואונגען צו גיין אַרבעטן, כדי אַרויסצו־העלפן די אָרימע עלטערן.

די פינישערס און קנעפּל-נייער ביי שניידערייי זענען מערסטנס געווען יונגע מיידלעך. זיי פלעגן אָפּזיצן אין שוויצשאַפּ אויף דר׳עדד פון צוועלף ביז פופצן שעה אַ מעת-לעת. דאָס איינציקע פאַרגעניגן, וואָס דידאָזיקע מייד־לעך פלעגן האָבן — איז געווען דער שבתדיקער שפּאַציר.

שבת האָט מען אין די מערסטע שעפּער נישט געאַר־בעט. די מיידלעך זענען געווען פריי. זיי פלעגן אַרויסגיין אויסגעפּוצטע אויף גרענד סטריט. דאָס איז געווען די שענסטע גאַס אויף דער איסט-סייד, „די אידישע פיפטע עוועניו״.

עס איז אָבער געווען אַ רחמנות אָנצוקוקן יענע אויס־געפּוצטע מיידלעך. זייערע פּנימער זענען געווען בלאַס, די באַקן איינגעפאַלן, און איינגעצנען איינגעטריקנט פאַר דער צייט.

די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער זענען געווען אַזוי קליין, אַז זיי האָבן נישט געקלעקט פאַר דער פאַמיליע אויף זאַט אָפּצועסן און אויף צו באַצאָלן דירה-געלט. די פרויען און די קינדער זענען דעריבער געווען געצוואונ־גען צו גיין פאַרדינען.

עס זענען געווען אַזוינע פאַבריקן, וואָס פלעגן ברענגען צו פירן די אַרבעט צו די פרויען אַהיים. אָפטער אָבער פלעגן די פרויען אַליין גיין אין שאַפּ אריין נעמען די אַר־

בעט. און די אַרבעטן זענען געווען פאַרשידענע: קינדער־קליידער, קינסטלעכע בלומען, שטריקעריי, קראַוואַטן און קינסטלעכע פעדערן.

די פאַרדינסטן פון דער גאַנצער פאַמיליע צוזאַמען האָבן קיינמאָל נישט באַטראָפן מער ווי פינף־זעקס טאָלער אַ וואָך.

דאָס איז געווען אין די גוטע צייטן, מישטיינס געזאָגט, דאָס הייסט, ווען מע האָט געקריגן אַרבעט און אַלע האָבן געקענט עפּעס פאַרדינען. עס זענען אָבער געווען צייטן, מיינסטנס ווינטערצייט, ווען קיין אַרבעט איז נישט געווען.

אין אַלע שעפער פלעגט מיטאַמאָל זיך אויסלאָזן די גאַנצע אַרבעט. עס איז געוואָרן מכולה, „סלעק". די באַלעבאַטים פלעגן אָפּזאָגן אַלעמען, סיי די „גרינע" אַרבעטער, סיי די „געלע".

פון די פאַרדינסטן, וואָס אַן אַרבעטער פלעגט פאַרדינען, ווען ער האָט געאַרבעט, האָט מען נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן קיין סענט אויף שפּעטער. דאָ האָבן זיך ביי יעדן אַרבעטער אָנגעהויבן נייע צרות. אין די מיינסטע פאַלן אַזויגע האָבן מענטשן פשוט געהונגערט.

זייער אָפט האָט מען אין די גאַסן געקאָנט זען אַזאַ בילד:

פאַר דעם אַריינגאַנג פון הויז ליגט אָנגעוואָרפן אויפן טראָטואַר אַ הויפן אַלטע מעבל און קישנס און געשיר: דאָס גאַנצע ביסל אָרימקייט פון אַן אַרבעטער־פאַמיליע, וואָס דער לענדלאָרד האָט אַרויסגעוואָרפן פאַר נישט צאָלן קיין דירה־געלט.

לעבן די זאַכן איז געווינלעך געשטאַנען אַ טעלער, אָדער אַ פּושקע, און די פאַרבייגייער פלעגן אַריינוואַרפן אַ נדבה פאַר דער אַרויסגעוואָרפענער פאַמיליע.

אזוי פלעגן דורכן טאָג זיך אָנזאַמלען עטלעכע טאָלער. מיט דעם געלט האָבן שכנים, גוטע מענטשן, אויפגעזוכט אַ נייע דירה פאַר די אַרויסגעוואָרפענע.

## איך שלאָף אין פּאָלים־סטיישאָן

נישט בעסער איז געווען דאָס לעבן פון דעם עלנטן אַרבעטער, וואָס איז נישט געווען פאַרהייראַט און האָט נישט געהאַט קיין פאַמיליע. אַז סע פלעגט קומען די סלעק־צייט — האָט אַזאַ מענטש פּשוט נישט געהאַט וואו זיך אַהינצוטון.

איך אַליין האָב דעם ערשטן ווינטער אין אַמעריקע דורכגעמאַכט אַזאַ צייט.

אינמיטן ווינטער, אַרום חנוכה־צייט, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט פון דער אַרבעט. איך האָב שוין אַפילו דער־מאָלט פאַרדינט גאַנצע דריי טאָלער אַ וואָך, און האָב באַ־וויזן עטלעכע טאָלער אָפּצושפּאָרן אויף אַ שלעכטער צייט. נאָר אַז די פּאָר אָפּגעשפּאָרטע טאָלער האָבן זיך אויסגע־לאָזן, און איך האָב נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַר מיין לאָזשי, האָב איך מיך געמוזט אַרויסקלייבן פון דער דירה.

סע האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן אַ ביטערע צייט. איך פלעג שלאָפן אין גאַס אויף די „עקספּרעס״ וועגענער. זייער אָפט פלעג איך אינמיטן נאַכט דערפילן איבער מיינע פיס אַ פּאָליסמאַנס קלאַב.

איינמאָל האָט מיר מיינער אַ חבר, אַן אַרבעטלאָזער סיגאַר־מאַכער, געגעבן אַן עצה, אַז איך זאָל גיין שלאָפן אין דעם פּאָלים־סטיישאָן אויף עלדרידזש סטריט. דאָרט וועט מען מיר געבן אַ געלעגער אויף איבער נאַכט און

אינדערפרי — אַ פרייען מאָלצייט, גלייך מיט די אַרעס־טאַנטן, וואָס געפינען זיך דאָרט.

איך האָב מיך אָנגעכאַפּט אין מיין פּריינטס עצה.

איין קאַלטן אָוונט בין איך אַוועק אין פּאָלים־סטיישאָן. מיט אַ ציטער אין הארצן בין איך צוגעגאַנגען צום פּאָלים־לייטענאַנט, און האָב אים דערציילט, אַז איך גיי שוין אַרום אַ צייט לאַנג אָן אַרבעט, און אַז פון מיין לאָזשי האָב איך מיך געמוזט אַרויסקלייבן, ווייל איך האָב נישט קיין געלט צו צאָלן פאַר אַ קוואַרטיר. איך האָב אים אַלץ דערציילט, און געבעטן, ער זאָל מיך לאָזן איבערשלאָפן די נאַכט.

דער לייטענאַנט האָט מיך אויסגעהערט און האָט אַ וואונק געטון צו אַ פּאָליסמאַן. דער פּאָליסמאַן האָט מיר געהייסן גיין מיט אים. ער האָט מיך אַראָפּגעפירט אין קעלער, האָט אויפגעשלאָסן אַ קאַמער און מיך אַהין אַריינגעלאָזט.

אין דער קאַמער האָט געצאַנקט אַ קעראָסין־לעמפּל. אויף דר׳ערד זענען געלעגן אויסגעלייגט עטלעכע טרעמפּס. דער פּאָליסמאַן האָט מיר אָנגעוויזן אַ פּלאַץ אויף דר׳ערד, און איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער מיך מכבד (מעכאַבעד) געווען מיט זיין קלאַב אין פּלייצע, און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— לייג זיך אָט דאָ!

ער איז אַרויס און האָט פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר מיט די אייזערנע גראַטעס.

איך האָב מיך אָן עלנטער אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטיינערנעם דיל. אַזוי בין איך לאַנג געזעסן און האָב געטראַכט וועגן מיין לעבן אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט



י קאַ־יאווסקי

איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער מיך מכבד געווען מיט זיין
קלאַב אין פּלייצע און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: —
ליג זיך דאָ!

ניו יאָרק, ביז דער שלאָף האָט מיך בייגעקומען און איך בין איינגעשלאָפן.

וואָס־וואָס, קאַלט איז דאָ נישט געווען, נאָר עפּעס אַ שלעכטער גערוך האָט זיך געשפּירט, און מיינע שכנים האָבן שרעקלעך געכראָפּעט. איך בין אָבער רואיק און אָן זאָרגן איבערגעשלאָפן די נאַכט.

פאַרטאָג האָב איך דערהערט ווי מע שליסט אויף די טיר פון דער קאַמער. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט און דערזען פאַר זיך אַ פּאָליסמאַן, וואָס האָט מיר גענומען קלאַפּן מיט זיין קלאָב איבער די פיס. איך בין אויפגעשטאַנען נישט טויט, נישט לעבעדיג. אין קאַמער איז געוואָרן טומלדיק.

דער פּאָליסמאַן האָט אויך די אַנדערע, וואָס זענען געלעגן אויף צעריסענע שטרויזעק, מכבד געווען מיט זיין קלאָב. דערנאָך האָט ער אונז אַלע אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט און אונז געלאָזט שטיין.

איך האָב באַטראַכט מיינע נייע חברים. זיי זענען געווען אַלע שוין עלטערע טרעמפּס. איך האָב מיך צוגעבויגן צו מיין נעענטסטן שכן און געפרעגט:

— וואָס דאַרף מען איצט טון?

— וואַרט, מע וועט באַלד געבן עפּעס צו עסן — האָט ער מיר שטילערהייט געענטפערט.

סע האָט נישט גענומען לאַנג און עס איז אַריינגעקומען אַ צווייטער פּאָליסמאַן, אָן אַ קלאָב. ער האָט געטראָגן אַ גרויסן פאַרזשאַווערטן קעסל מיט קליינע בלעכענע קענדלעך. ער האָט יעדן פון אונז געגעבן אַ קענדל מיט אַ שוואַרץ געמויזעכץ, וואָס האָט אויסגעזען ווי קאַווע. ער האָט אויך יעדן איינעם געגעבן אַ פּאָר אַלט־געבאַקענע

זעמל, און מיר האָבן זיך שטייענדיק גענומען צו דער סעודה.

אַז מיר האָבן אָפּגעגעסן אונזער פרישטיק, האָט דער פּאָליסמאַן געעפנט די טיר און האָט אונז אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס.

איך בין אַוועק זוכן אַרבעט. נאָר קיין אַרבעט האָב איך יענעם טאָג נישט געקריגן, איך בין אָבער אין פּאָליס־סטיישאָן מער נישט געגאַנגען. איך האָב מיך ליבערשט אַרומגעוואַלגערט אין די גאַסן.

שפּעטער איז מיר אָבער פּאַרט אויסגעקומען נאָכאַמאָל איבערצונעכטיקן אין יענעם פּאָליס־סטיישאָן. און איינמאָל, אין אַזאַ נאַכט אויף דעם שטיינערנעם דיל פון פּאָליס־סטיישאָן, האָב איך מיך באַקענט מיט דעם אַנאַרכיסט אַלעקסאַנדער בערקמאַן, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ אַמעריקע. אין יענע יאָרן איז בערקמאַן געווען אַן אָפטער קוואַרטיראַנט אין פּאָליס־סטיישאָן.

איך האָב אויך אָפטמאָל איבערגענעכטיקט אין די קאַנאַל־רערן, וואָס זענען געלעגן אין די גאַסן צו פאַרריכטן די קאַנאַלן. אין די רערן פלעגן זיך צונויפקלייבן אַסך היימלאָזע, וואָס האָבן נישט געהאַט וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. אין די רערן פלעגן אויך נעכטיקן פרויען, עלטערע און יונגע.

אַזוי איז אַוועק דער ווינטער. צו פרילינג־צו האָב איך געקריגן אַרבעט. איך האָב מיר ווידער געדונגען אַ קוואַרטיר פאַר דריי טאָלער אַ חודש, נאָר די פּאָליסלייט מיט זייערע קלאָבס זענען מיר נאָך אָפט געקומען צו חלום, אפילו נאָך מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב שוין געהאַט אַ וואַרימע דירה.

# איך ווער אַ סאָציאַליסט

אַ גרויסער טייל פון די טויזנטער אימיגראַנטן, וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע אין די אַכציקער יאָרן, האָט קיין מלאָכה נישט געקענט פון דערהיים. די מערסטע זענען געווען קרעמערס און מעקלערס. עס זענען אויך געווען אַסך געבילדעטע יונגעלייט, סטודענטן און גימנאַזיסטן, וואָס זענען געפאָרן קיין אַמעריקע צו געניסן די אַמעריקאַנישע פרייהייט.

אין שאַפּ, וואו איך האָב געאַרבעט, האָב איך מיך שנעל באַקענט מיט אַלע אַרבעטער. לעבן מיר אויף איין זייט איז געזעסן מיין פריינט מאָזעס, אַ בעוורעמאַן פון אַ יאָר 15; אין דער צווייטער זייט לעבן מיר איז געזעסן אַ בלאַסער יונגערמאַן. קאַהאַן האָט מען אים גערופן. ער האָט זעלטן גערעדט און — ווינציק.

איך האָב מיך אָבער אויך מיט אים באַפריינדעט. דאָס איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אינטעליגענטער יונגערמאַן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן די לויפערישע שטיק פון מיין חבר מאָזעס.

אַז דער פאָרמאַן קוקט נישט אויף אונז — כאַפּ איך אָפּט אַ שמועס מיט מיין שכן קאַהאַן. איך האָב שוין געהערט אין שאַפּ, אַז קאַהאַן האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ווילנע, און אַז ער איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, ווייל די פּאָליציי האָט אים געוואָלט פאַרשיקן פאַר זיין פריידיקן סאָציאַליזם.

וואָס סאָציאַליזם איז אַזוינס — האָב איך נישט געוואוסט. איך האָב אָבער געהערט רעדן וועגן דעם.

איינמאָל האָב איך געבעטן קאַהאַנען, ער זאָל מיר דער־קלערן וואָס עס איז אַזוינס סאָציאַליזם, און וואָס די סאָ־ציאַליסטן ווילן.

קאַהאַן האָט מיר ביי יעדער פרייער געלעגנהייט אין שאַפּ דערקלערט און געענטפערט אויף אַלע מיינע פראַגן. ער איז געוואָרן מיין לערער, און איך פלעג שלינגען יעדעס וואָרט זיינס. סע האָט נישט גענומען לאַנג און איך בין געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון סאָציאַליזם.

די גרויסע מאַסע האָט פון קיין סאָציאַליזם און פון קיין אַרבעטער־באַוועגונג נאָך נישט געוואוסט. אַסך האָבן זיך אָבער דעמאָלט פאַראינטערעסירט צו באַקענען זיך מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און מיט דער אַנאַר־כיסטישער באַוועגונג.

די איינציקע סאָציאַליסטישע ציימונג אין ניו יאָרק איז דעמאָלט געווען „די ניו יאָרקער דייטשע פאָלקסציי־טונג". דער רעדאַקטאָר פון דער ציימונג איז געווען דער באַגאַבטער סאָציאַליסט סערגיי שעוויטש.

שעוויטש איז געווען איינער פון די בעסטע רעדנער אין אַמעריקע. ער האָט געשטאַמט פון אַ רוסישער אַרים־טאָקראַטישער פאַמיליע.

ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן האָט ער זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער באַווע־גונג אין אייראָפּע. שפּעטער איז ער געקומען קיין אַמע־ריקע, און איז געוואָרן טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ניו יאָרק.

צוזאַמען מיט אַלעקסאַנדער יאָנאַס האָט ער רעדאַק־טירט „די דייטשע פאָלקסציימונג". שעוויטש און יאָנאַס זענען אַלעמאָל געווען די הויפּטרעדנער פון דער סאָציא־

ליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי. שעוויטש האָט גערעדט אויף ענגליש, דייטש, רוסיש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש.

איינמאָל איז אַ גרופּע פון אונזערע יונגע סאָציאַליסטן אַוועק צו באַקענען זיך מיט שעוויטשן. ער האָט די נייע רוסישע געסט פריינטלעך באַגריסט, און ער האָט זיי צו-געזאָגט, אַז ווען זיי וועלן רופן אַ פאַרזאַמלונג, וועט ער גערן קומען רעדן ביי זיי.

## די רוסישע אימיגראַנטן אַראַנזשירן די ערשטע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג

אויף דעם 27 יולי, 1882, האָבן די אידישע אימיגראַנטן פון רוסלאַנד אַראַנזשירט דעם ערשטן סאָציאַליסטישן מי-טינג. דאָס איז געווען אַ דאָנערשטיק אָוונט, אין „גאָלדן רול האָל" אויף ריווינגטאָן סטריט.

דער אָוונט איז געווען אַ שרעקלעך הייסער. די היץ האָט אָבער דעם עולם נישט צודיקגעהאַלטן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. צום ערשטנמאָל אין לעבן האָבן די אַלע פאַרזאַמלטע זוכה (זויכע) געווען צו געניסן דאָס רעכט און דאָס פאַרגעניגן פון „פרייער רעדע".

דער פאָרזיצער פון יענעם אָוונט איז געווען איינער מיראָוויטש, אַ סטודענט פון פּעטערבורג. ער האָט גע-עפנט דעם מיטינג אויף רוסיש. ער האָט אין קורצן דער-קלערט, אַז די טעמע אויף דעם מיטינג וועט זיין וועגן „די לעצטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און דער סאָציאַליזם".

פאַר דעם ערשטן רעדנער האָט ער פאָרגעשטעלט שעוויטשן. שעוויטש האָט גערעדט אויף רוסיש, און זיין רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די פאַר-זאַמלטע.

נאָך שעוויטשן האָבן גערעדט צוויי אַנאַרכיסטן: נעל-

קע און וויס. ביידע האָבן גערעדט אויף דייטש. נאָך די רעדעס האָט דער פּאַרזיצער דערלויבט צו שטעלן פראַגן. נאָר עס זענען אַריבער עטלעכע מינוט און קיינער פון דעם עולם האָט זיך נישט געמאָלדן צום וואָרט.

ערשט מיטאַמאָל האָט עפּעס איינער יאָ אויפגעהויבן די האַנט און פאַרלאַנגט אַ וואָרט. דאָס איז געווען דער יונגער קאַהאַן. אויסער זיינע לאַנדסלייט האָט אים דאָ קיינער נישט געקענט.

קאַהאַן האָט זיך גענומען דורכשלאָגן אַ וועג צו דער פּלאַטפאָרם. פון דעם עולם האָבן טייל איראָניש באַמערקט:

— אָט וועלן מיר הערן וואָס דאָס אינגל וועט אונז דאָ דערציילן.

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל. קאַהאַן האָט אָנגעהויבן רעדן. זיין קלאָרע, קלינגענדיקע שטימע, זיינע אַרגומענטן און משלים פאַרן סאָציאַליזם, האָבן אַלעמען איבעראַשט. ער האָט גערעדט אויף רוסיש, און דער עולם האָט זיך צו־געהערט צו זיינע רייד מיט געשפּאַנטקייט.

ווען ער האָט געענדיקט — האָט אים דער עולם באַ־גייסטערט אַפּלאָדירט. אַלע האָבן זיך געשטופּט צו רעדן מיט אים. מע האָט אים אַרומגערינגלט און גענומען רעדן היימיש, ווי מיט אַן אייגענעם מענטשן.

קאַהאַן האָט דעמאָלט באַמערקט צו מיראָוויטשן, אַז די רעדעס אויף רוסיש קאָנען נישט ברענגען קיין סך נוצן, ווייל די ברייטע אידישע מאַסן פאַרשטייען נישט קיין רוסיש. סע וואָלט אַסך גלייכער געווען, די פּראָפּאַגאַנדע זאָל אָנגעפירט ווערן אויף אידיש, אויף מאַמע־לשון.

עטלעכע אינטעליגענטן האָבן זיך פּשוט צעלאַכט פון אַזאַ מאָדנעם פאָרשלאָג.

— אין אידיש צו פּראָפּאַגאַנדירן ? ! — האָבן זיי גע־לאַכט.

— וואו וועט איר נעמען פּראָפּאַגאַנדיסטן אין אידיש?

— האָט געפרעגט מיראָוויטש. — וואָלט איר זיך אונטער־גענומען צו האַלטן אַ רעדע אויף אידיש?

קאַהאַן איז איינגעגאַנגען צו האַלטן אַ רעדע אויף אי־דיש. מע האָט זיך גלייך גענומען צו אָרגאַנזירן אַ צווייטן מיטינג, וואו מע וועט רעדן אויף מאַמע־לשון.

## דער פּראָפּאַגאַנדע פאַריין און די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע אויף אידיש

אינגיכן האָבן די אידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן אָרגאַניזירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַריין.

אויף דעם צווייטן מיטינג פון דעם פאַריין האָט אַב. קאַהאַן געהאַלטן די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע אויף אידיש. זיין טעמע איז געווען: „סאָציאַליזם און די לערע פון קאַרל מאַרקס”. דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין דער זעקסטער סטריט, אין אַ קעלער, וואו די דייטשע אַנאַרכיסטן פלעגן זיך פאַרזאַמלען.

דער קעלער איז געווען געפּאַקט, אַז ס׳איז נישט גע־ווען וואו אַ שפּילקע צו וואַרפן. דער עולם האָט זיך צו־געהערט צו קאַהאַנס רעדע מיט אינטערעס.

דער רעדנער האָט קריטיקירט דעם קאַפּיטאַליזם און האָט דערקלערט די סאָציאַליסטישע לערע מיט איינפאַכע, פאַרשטענדלעכע ביישפּילן.

איך געדענק נאָך עד־היום (אדהאַיעם) דאָס בילד פון דער היינטיקער אָרדענונג, ווי דער רעדנער האָט עס גע־מאָלן: שטעלט אייך פאָר אַ ריזיקן טורעם צוזאַמענגע־שטעלט פון מענטשן. גאַר אונטן שטייען מאַסן פאַרהאָ־רעוועטע, פאַרמאַרעטע מענטשן. דאָס זענען אַלע קלאַסן

אַרבעטער. זיי טראָגן אויף זיך דעם גאַנצן געביי פון דער היינטיקער אָרדענונג.

אויף דערדאָזיקער מאַסע שטייען אַנדערע מענטשן. שוין אַביסל ווינציקער. דאָס זענען די קליינע געשעפטס־לייט און קרעמער. איבער זיי שטייען ווידער מענטשן. אָבער שוין נאָך ווינציקער. דאָס זיינען די גרעסערע געשעפטסלייט און פאַבריקאַנטן. אויף זיי שטייט אַ קלענערע גרופּע מענטשן — פּראָפעסיאָנאַלן. און גאָר אויבן אויף דעם טורעם זיצן זיך זאַטע און צופרידענע די גרויסע אינדוסטריאַליסטן, די מאַגנאַטן.

אָט דאָס איז דאָס בילד פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. די אַרבעטער, וואָס באַשאַפן אַלדאָסגוטס, זיי, וואָס אַקערן, זייען און שניידן, וואָס גראָבן קוילן, נייען שיך און קליידער, און טוען אַלע אַרבעטן אויף דער וועלט — אויף זיי האַלט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט. די מענטשן, וואָס שטייען איבער זיי, און וואָס העכער זיי שטייען — אַלץ לייכטער איז זיי צו טראָגן דעם טורעם.

די קאַפּיטאַליסטן, וואָס טוען נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, זיי זיצן זיך אויבנאָן און געניסן פון לעבן אַלדאָסגוטס.

דער רעדנער האָט דערנאָך דערקלערט ווי אַזוי די־דאָזיקע שעלכטע און אומגערעכטע אָרדענונג קאָן פאַרביטן ווערן אויף אַ גוטער אָרדענונג. ווען סע וועט איינגעפירט ווערן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג — וועט הערשן פריי־הייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פאַר אַלע מענטשן, וואָס אַרבעטן און שאַפן.

דער איינציקער אידישער רעדנער אין פּראָפּאַגאַנדע פאַריין, וואָס האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט, איז געווען אַב. קאַהאַן. אַלע אַנדערע רעדנער האָבן גערעדט אויף דייטש און אויף רוסיש.

## סעמיועל גאָמפּערס און דער אָנהייב פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג

מיט אַ שטאָק נידעריקער, אין דערזעלבער סיגאַר־פאַבריק, וואו איך האָב געאַרבעט, האָב איך מיך אַ צייט שפּעטער באַקענט מיט סעמיועל גאָמפּערס.

יעדן פאַרנאַכט, איידער מע איז געגאַנגען אַהיים, האָבן אַלע „סטריפּערס", מיינסטנס יונגע בחורים, וואָס האָבן אַרויסגעצויגן די אָדערן פון די טאַבאַק־בלעטער, געמוזט אַרונטערגיין אויפן אונטערשטן שטאָק, וואו עס זענען געזעסן די סיגאַר־מאַכער, און דאָרטן צונויפנעמען די צעשניטענע שטיקלעך טאַבאַק, אויסקערן, אויפראַמען און אַלץ אַוועקשטעלן אין אָרדענונג.

די מיינסטע סיגאַר־מאַכער אויף דעם אונטערשטן שטאָק זענען געווען שפּאַניער און אַמעריקאַנער. צווישן זיי איז געווען איינער אַ שיינער מאַן מיט לאַנגע, שוואַרצע האָר, און אַלע האָבן אים גערופן „פּרעזידענט".

איך האָב געוואוסט, אַז אַמעריקע האָט אַ פּרעזידענט. זאָל דאָס אפשר זיין דער פּרעזידענט? — עפּעס גלייבט זיך מיר נישט. דער איז דאָך אַ סיגאַר־מאַכער. איך הער, אַז אַלע רופן אים אָבער פּאָרט פּרעזידענט?

איך בין געוואָרן זייער נייגעריק אויסצוגעפינען פאַרוואָס מע רופט דעם מענטשן פּרעזידענט. מיינע באַקענטע, וואָס האָבן גערעדט אידיש, האָבן נישט געוואוסט, פּונקט ווי איך. די, וואָס האָבן אים גערופן „פּרעזידענט" און האָבן מסתמא יאָ געוואוסט, האָבן נישט געקענט קיין אידיש און האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס איך פרעג זיי.

צום סוף האָב איך דאָך אויסגעפונען. די מעשה איז אַזאַ: אַסך אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט אין יוניאָנס. יע־דע יוניאָן האָט אַ פּרעזידענט. די סיגאַר־מאַכער האָבן אויך אַ יוניאָן. און אַט דער מאַן מיט די לאַנגע האָר, מיטן נאָמען סעמיועל גאָמפּערס, איז דער פּרעזידענט פון דער סיגאַר־מאַכער יוניאָן.

איינמאָל, בעת דער מיטאָג־שעה, גיי איך צו צו „בראָ־דער פּרעזידענט סעם גאָמפּערס", ווי אַלע האָבן אים גע־רופן, און וויל מיט אים כאַפּן אַ שמועס. איך וויל אים דערציילן, אַז אויף אונזערן אַ סאָציאַליסטישן מיטינג האָט מען אַרומגערעדט ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די אידישע אַר־בעטער אין יוניאָנס. ערשט — ברודער פּרעזידענט סעם גאָמפּערס איז אַזאַ איד, וואָס פאַרשטייט קנאַפּ אידיש. איך רעד — און ער קוקט מיך אָן. עפּעס ענטפערט ער מיר יאָ אַ פּאָר דייטשמערישע ווערטער, נאָר ס'איז צרות, מיר קאָנען זיך נישט צונויפרעדן.

„ברודער" גאָמפּערס טראַכט אָבער נישט לאַנג און רופט צו איינעם אַ סיגאַר־מאַכער, אַ איד, וואָס פאַרשטייט מאַמע־לשון און אויך גאָמפּערסעס ענגלישע שפּראַך. איך דערצייל אים וועגן אונזערע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען, און אַז מיר אָרגאַניזירן אַ יוניאָן פון די בלעכער, און אַז די שניידער ווילן זיך אויך אָרגאַניזירן, און אַז קאַהאַן, וואָס האָט דאָ געאַרבעט, איז איצט אַ לערער פון ענגליש, און ער לערנט אונז ענגליש רעדן, לייענען און שרייבן.

דער דאָלמעטשער צווישן אונז האָט אים אַלץ איבער־געגעבן אויף ענגליש. און מיר האָט ער דערווייל דער־ציילט, אַז גאָמפּערס איז איצט געוואָרן נאָך אַ גרעסערער פּרעזידענט. ער איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער

„אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר", װאָס איז די צענ־טראַלע קערפּערשאַפט פון אַלע יוניאָנס איבערן לאַנד.

ער דערקלערט מיר אויך, אַז די אַנדערע װאָך װעט גאָמפּערס אויפגעבן די אַרבעט אין שאַפּ און איבערנעמען דעם אָפיס פון דער פעדערײשאָן אויף גריניטש עװעניו, אין גריניטש װילעדזש.

גאָמפּערס האָט מיר שפּעטער געגעבן דעם אַדרעס פון זײן אָפיס, און האָט מיך אײנגעלאַדן צו קומען אים באַ־זוכן.

## די באַװעגונג פאַר אַן אַכט־שטונדן אַרבעט־טאָג.

די באַװעגונג פאַר אַ קירצערן אַרבעט־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן מיט די אַכציקער יאָרן. דער װאונטש צו אַרבעטן אַכט שעה אַ טאָג איז פון אָנהייב געװען נישט מער װי אַ שײנער װײטער חלום.

אַרבעטן צען־צװעלף שעה אַ טאָג — האָט דעמאָלט געהײסן קורצע שטונדן. און גליקלעך זענען געװען יענע, װאָס האָבן געאַרבעט בלויז צען־צװעלף שעה אַ מעת־לעת.

די אידישע אַרבעטער אין די שװיצשעפּער בײ שנײ־דערײ, אין די בעקערײען און אין די בלעך־פאַבריקן — האָבן געאַרבעט צװײמאָל אַכט שעה א מעת־לעת, און נאָך מער.

אין דעם פּראָגראַם פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר", װאָס איז געגרינדעט געװאָרן אין יאָר 1881, איז געװען אַ פּונקט פון אַן אַכט־שטונדיקן אַרבעט־טאָג. און אויף איר קאָנװענשאָן אין יאָר 1884 איז באַשלאָסן גע־װאָרן צוצוגרײטן די אַרבעטער פון אַלע פאַכן צום קאַמף

פאַר אַ קירצערן אַרבעט־טאָג. דערדאָזיקער קאַמף זאָל זיך אָנהייבן מיט אַ גענעראַל־סטרייק דעם ערשטן מאַי, 1886.

דער פּונקט פון אַ אַכט־שטונדיקן אַרבעט־טאָג איז שוין לאַנג געווען אויפן פּראָגראַם פון אַן עלטערער אַרבע־טער־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען די נאַציאָנאַלע טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע די „נאַיטס אָוו לייבאָר". דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ גרויסע מיטגלידערשאַפט און פלעגט פירן אירע פאַרזאַמלונגען געהיים. שפּעטער איז די אָרגאַניזאַציע אונטערגעגאַנגען אין קאַמף מיט דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

די אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, די יונגע קער־פּערשאַפט, האָט זיך מיט גרויס ענערגיע גענומען אָרגאַ־ניזירן די אַרבעטער פון אַלע פאַכן. יונגע אַמעריקאַנער, איירישע און דייטשע אָרגאַניזירער זענען געגאַנגען פון שאַפּ צו שאַפּ, האָבן גערופן די אַרבעטער צו פאַרזאַמלונגען און זיי דערמוטיקט צום קאַמף.

די דרייסטע אַגיטאַטאָרס פלעגן אַריינגיין אין די שע־פּער מיט דער דערלויבעניש פון די באַלעבאַטים, וואָס זענען געווען צעשראָקן פון דער פיבערדיקער אַגיטאַציע, און האָבן דערלויבט צו האָבן די פאַרזאַמלונגען מיטאָג־צייט טאַקע אין די שעפּער.

וואו מע איז געגאַנגען, האָט מען געהערט רעדן פון דעם אַכט־שטונדיקן אַרבעט־טאָג. ווער סע האָט נאָר גע־האַט אַ קלאָרע צונג צום רעדן, איז אַרומגעגאַנגען רעדן און אַגיטירן.

אַסך אידישע אַרבעטער האָבן דעמאָלט באַלאַנגט צו די אַלגעמיינע יוניאָנס. די עטלעכע באַזונדערע אידישע יוניאָנס האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג. אין די אַלגעמיינע ניו יאָרקער יוניאָנס זענען געווען אַסך איי־

רישע און דייטשע אַרבעטער. די מיינסטע דייטשע אַר־בעטער זענען געווען סאָציאַליסטן, וואָס זענען, דורך קאַנצלער ביסמאַרקס אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד.

אַרום אָנהייב 1886 האָט די באַוועגונג פאַר דעם קירצערן אַרבעט־טאָג אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. דער ערשטער מאַי פון יענעם יאָר איז באַשטימט געווען פאַר דעם גענעראַל־סטרייק.

## ערשטער מאַי 1886 און די פּראָקלאַמירונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב

יענעם טאָג האָט די סענטראַל לייבאָר יוניאָן אין ניו יאָרק דורכגעפירט אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע אין דער פאָרם פון אַ פּאַראַד און אַ מאַס־מיטינג אויף יוניאָן סקוועיר. אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע.

דער פּאַראַד, אין וועלכן סע האָבן געמאַרשירט אַן ערך פון 30 טויזנט אַרבעטער, האָט זיך אָנגעהויבן צען אַזייגער אינדערפרי. דאָ זענען געגאַנגען אַרבעטער פון אַלערליי פאַכן: אַרבעטער פון בוי־פאַכן, מעבל און פּיאַנאָס, אַרבעטער פון ביר־ברויערייען, סיגאַרן־מאַכער און פוטער־אַרבעטער (פּאַריערס).

דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרער פּאַראַד יענעם ערשטן מאַי. דער טאָג איז געווען אַ וואַרימער און אַ שיינער. דער פּאַראַד האָט זיך פריער געצויגן דורך די גאַסן פון דער איסט־סייד, וואו סע האָבן דעמאָלט געוואוינט קריסטלעכע אַרבעטער. פון דאָרטן האָט זיך דער פּאַראַד געצויגן איבער פיפטער עוועניו ביז צו יוניאָן סקוועיר.

די שילדן, וואָס די אַרבעטער האָבן געטראָגן, זענען




א גאַס אויף דער איסט סייד מיט 50 יאָר צוריק.

געווען ווענן אַכט־שטונדיקן אַרבעט־טאָג. און אונטער די קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע האָבן אַלע געזונגען: „אַכט שטונדן אַרבעט, אַכט שטונדן פאַרברענגען, און אַכט שטונדן רוען".

יוניאָן סקווער און אַלע אַרומיקע גאַסן זענען געווען געפּאַקט מיט מענטשן. די פאָנען האָבן געפלאַטערט, די מוזיק האָט געשפּילט, און די אַרבעטער, אין זייערע יום־טובדיקע מלבושים, האָבן געזונגען.

דער פּאַרקער אויף יוניאָן סקווער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַרום צוויי אַזייגער בייטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס. אויף דער פּלאַטפאָרם און אויף די פאַרפּוצטע וועגענער האָבן געפלאַטערט אומצייליקע רויטע פאָנען. דער עולם האָט זיך געפרייט און געיובלט.

דער הויפּט־רעדנער אויף יענער דעמאָנסטראַציע איז געווען הענרי דזשאָרדזש, דער באַרימטער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט און ראַדיקאַלער רעפאָרמער. הענרי דזשאָרדזש איז געווען באַליבט צווישן די אַרבעטער און האָט גע־האַט אַסך אָנהענגער. אין יענעם יאָר איז ער געווען דער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון דער „פאַראייניקטער אַרבעטער פּאַרטיי". נאָך אים האָבן גערעדט סעמיועל גאָמפּערס און סערגיי שעוויטש.

אויך אין אַ סך אַנדערע שטעט פון לאַנד זענען יענעם ערשטן מאַי פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן סוף כל סוף געפירט צום זיג פון דעם אַכט־שטונדן אַר־בעט־טאָג.

מיט דריי יאָר שפּעטער, אויף דעם ערשטן קאָנגרעס פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל אין פּאַריז, אין יאָר 1889, איז דער ערשטער מאַי פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דעם יום־טוב פון אַלע אַרבעטער, פאַר דעם יום־טוב, וואָס זאָל פאַרברידערן די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט.

# דער ערשטער מאַי ווערט פּראָקלאַמירט אין פּאַריז פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב*)

אין דעם יאָר 1899,אויף דעם קאָנגרעס פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז, איז דער ערשטער מאַי פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר דעם אינ־טערנאַציאָנאַלן יום־טוב פון אַלע אַרבעטער אויף דער וועלט. אָבער שוין מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם איז דער ערשטער מאַי געפייערט געוואָרן פון די אַמעריקאַנישע אַרבעטער. די מעשה איז געווען אַזאַ:

אין דעם יאָר 1884, אויף דער קאָנווענשאָן פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", איז באַשלאָסן גע־וואָרן, אַז דעם ערשטן מאַי, 1886, זאָלן אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער איבערן לאַנד אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק פאַר אַן אַכט־שטונדן אַרבעטסטאָג.

דער באַשלוס איז פּינקטלעך דורכגעפירט געוואָרן. די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, און אין אַלע גרעסערע שטעט איבערן לאַנד, זענען דעם ערשטן מאַי, 1886, געווען ריזיק און גראַנדיעז. דאָך האָבן די אַרבעטער פון ווינציק פאַכן געוואונען דעמאָלט אַן אַכט־שטונדן אַרבעטסטאָג. די אַרבעטער פון די מײנסטע פאַכן האָבן ווייטער געשקלאַפט לאַנגע שעהן יעדן טאָג.

דערװייל האָט זיך אונטערגערוקט דער זומער פון דעם יאָר 1889. דעם 14 יולי האָט אין פּאַריז זיך גע־דאַרפט אָנהייבן דער קאָנגרעס פון דעם „צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל". אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און טרייד־יוניאָנס פון אײראָפּע האָבן דערוויילט דעלעגאַטן צו דעם־

---

*) פון סעמיועל גאָמפּערסעס בוך „זיבעציק יאָר לעבן און אַרבעט".

דאָזיקן קאָנגרעס. די אַמעריקאַנישע יוניאָנס זענען אָבער נישט געווען פאַרבונדן מיט דעם „צווייטן אינטערנאַציאָנאַל", און זיי האָבן קיין דעלעגאַטן נישט געשיקט.

מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם קאָנגרעס האָט זיך אָבער סעמיועל גאָמפּערס מיישב געווען און האָט באַשלאָסן, אַז סע וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך צו שיקן אַ שליח צו דעם קאָנגרעס. היות צענדליקער טויזנט אַרבעטער גרייטן זיך אַרויסצוגיין אין אַ גענעראַל-סטרייק פאַר אַן אַכט-שעה אַרבעטטאָג, איז נייטיק צו קריגן די סימפּאַטיע פון די טרייד-יוניאָנס און פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין אייראָפּע. די גלייכסטע זאַך איז דעריבער צו שיקן אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס, וואָס זאָל דאָרט באַקענען אַלע דעלעגאַטן מיט דעם קאַמף, וואָס די אַמעריקאַנער אַרבעטער קלייבן זיך דורכצופירן.

די פירער פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", מיט גאָמפּערסן בראש, האָבן אויסגעאַרבעט אַ צושריפט, און אויסגעקליבן פאַר אַ דעלעגאַט יוה מעקרעגאָר, אַ באַאַמטער פון אַ ניואָרקער יוניאָן, ער זאָל פאָרן און פאָרלייגן די צושריפט אויף דעם קאָנגרעס פון דעם „צווייטן אינטערנאַציאָנאַל".

מע האָט געשאַפן אַביסל געלט אויף רייזע-הוצאות, יוה מעקרעגאָר האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ ביליקע שיפקאַרטע, און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער, מיט אַ קליין רענצל אין האַנט, אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז.

דאָ מוז באַמערקט ווערן, אַז ברודער מעקרעגאָר איז געווען אַ פּרינציפּיעלער טרייד-יוניאָניסט, און אַ מענטש, וואָס האָט געקענט מיט אַביסל געלט אויפטאָן מער ווי אַן אַנדערער מיט אַסך געלט.

אין עטלעכע חדשים אַרום איז יוה מעקרעגאָר צוריק־געקומען און האָט געשיינט פון פרייד. ער איז געווען אויסגעפּוצט ווי אַן אמתער „פּראַנט". זיין באָרד איז געוועןְ פיין אַרומגעשוירן, ער האָט געדרייכערט אַ ליולקע, און האָט דערציילט מיט באַגייסטערונג:

די צושריפט, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך, איז פאַרגעלייענט געוואָרן אויפן קאָנגרעס. און עס איז דאָרט גלייך באַשטימט געוואָרן, אַז דער ערשטער מאַי זאָל זיין דער יום־טוב פון די אַרבעטער. אַלע אָרגאַניזירטע אַר־בעטער און סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער זאָלן דעם ערשטן מאַי דעמאָנסטרירן און קעמפן פאַר אַן אַכט־שטונדן אַר־בעטסטאָג.

זינט דעמאָלט איז דער ערשטער מאַי דער יום־טוב פון אַלע פּראָלעטאַריער; דער יום־טוב, וואָס דאַרף פאַר־ברידערן אַלע אַרבעטער אויף דער וועלט.



## דער מיטינג אויפן היי־מאַרקעט אין שיקאַגאָ, און די באָמבע

די באַוועגונג פאַר דעם קירצערן אַרבעט־טאָג האָט זיך באַזונדער אויסגעצייכנט אין שיקאַגאָ. נאָכדעם ווי די קאָנווענשאָן פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט באַשלאָסן, אַז דעם ערשטן מאַי זאָלן אַלע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אַרויסגיין אין סטרייק, איז אין שיקאַגאָ געגרינדעט געוואָרן אַן „אַכט־שטונדן אַסאָסיאיישאָן", וואָס האָט אָרגאַניזירט ריזיקע אַרבעטער פאַרזאַמלונגען לטובת (לעטוויוואָס) דעם קאַמף.

אין יענע יאָרן איז די אַרבעטער באַוועגונג אין שיקאַגאָ געווען אונטער דעם איינפלוס פון די אַנאַרכיסטן. דער אַנאַרכיסט אויגוסט שפּיז, אַן אַמעריקאַניזירטער דייטש, איז געווען רעדאַקטער פון דער שיקאַגאָער דייטשער „אַרבעטער צייטונג". שפּיז איז געווען דער הויפּט פירער פון דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג, און די קאַפּיטאַליסטן האָבן געזוכט אים אָפּצוראַמען פון וועג.

אַ צווייטער אַנאַרכיסטישער פירער, אַלבערט פאַרסאָנס, אַן אַמעריקאַנער יענקי, איז געווען רעדאַקטאָר פון דעם ענגלישן אַנאַרכיסטישן אָרגאַן „דער אַלאַרם".

די שיקאַגאָער אַרבעטער זענען געווען גוט צוגעגרייט פאַר דעם קאַמף. און אַז ס'איז געקומען דער ערשטער מאַי האָבן אַלע ווי איינער אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זענען אַרויס אין סטרייק.

אין דער אמתן זענען אַסך אַרבעטער נאָך פריער אַרויס אין סטרייק, און שוין פאַרן ערשטן מאַי זענען געווען אַרום

50 טויזנט סטרייקערס. אומצייליקע מאַסן פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין האָלס, און אויף די סקווערן און אין די פּאַרקס.

די באָסעס האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקן. סע האָט אויסגעזען ווי ערב (ערעוו) אַ רעוואָלוציע. די אויפרעגונג צווישן די סטרייקערס קעגן דער קליינער צאָל סקעבס איז געווען אַ שרעקלעכע.

די קאַפּיטאַליסטן האָבן גערופן צו הילף די שיקאַגאָער פּאָליציי, וואָס איז געווען די ברוטאַלסטע אין גאַנצן לאַנד. אַלע זענען אָבער געווען זיכער מיט דעם זיג פון דעם אַכט־שטונדן אַרבעט־טאָג.

דעם דריטן מאַי ביי־טאָג איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין גאַס, נישט ווייט פון מעקאָרמיקס לעדער־פאַבריק, וואו סע האָבן געסטרייקט אַרום 12 הונדערט אַרבעטער. ווען די סקעבס זענען אַרויס פון דער פאַבריק, אונטער אַ שטאַרקער שוץ פון פּאָליסלייט און דעטעקטיווס, האָבן די פאַרזאַמלטע סטרייקערס גענומען הוזשען און בוען. פּלוצלונג, מע האָט נישט געוואוסט פונוואַנען, איז אויסגעוואַקסן אַ נייער רעזערוו פון „בלויע רעק". זיי זענען באַפאַלן די פרידלעכע אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער, וואָס זענען אויך געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, און האָבן געשלאָגן און געמיימיסט. זעקס אַרבעטער זענען אויפן אָרט געהאַרגעט געוואָרן, און אַסך זענען געפערלעך פאַרוואונדעט געוואָרן.

דידאָזיקע שרעקלעכע פּאַסירונג האָט אַזוי אויפגערעגט די גאַנצע שיקאַגאָער אַרבעטערשאַפט, אַז מע האָט גלייך אויפן אַנדערן טאָג, אויף דעם פערטן מאַי, אַראַנזשירט אַ גרויסן פּראָטעסט מיטינג אין היי־מאַרקעט סקווער.

אויסער די סטרייקערס זענען אויף יענעם מיטינג געווען

אויך אַסך זייטיקע מענטשן. צווישן די רעדנער זענען געווען די באַרימטע אַנאַרכיסטן אויגוסט שפּיז, אַלבערט פּאַרסאָנס און ס. פילדען.

ווען פילדען האָט זיך געשטעלט רעדן איז שוין געווען גוט שפּעט. די מיינסטע אַרבעטער זענען זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען. אויפן סקווער זענען פאַרבליבען נאָך אַרום דריי־פיר הונדערט מענטשן.

פילדען האָט גערעדט. דער עולם האָט זיך רואיק צו־געהערט. פלוצים האָבן אַרויפגעמאַרשירט אויפן סקווער אַ פּאָר הונדערט פּאָליסלייט און זיי האָבן גענומען שלאָגן די אַרבעטער אויף רעכטס און לינקס.

עס איז געוואָרן אַ מוראדיקער טומל. און אינמיטן טומל האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ געפּערלעכער קראַך. ווי סע האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן — האָט צווישן די פּאָליסלייט געפּלאַצט אַ דינאַמיט באָמבע. איין פּאָליס־מאַן איז געהאַרגעט געוואָרן און אַסך זענען געפאַלן פאַר־וואונדעטע. זעקס פון די פאַרוואונדעטע זענען שפּעטער געשטאָרבן.

## דער אַרעסט און די הינריכטונג פון די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן

שיקאַגאָ איז געגאַנגען אויף רעדלעך. די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט מיט דער באָמבע. ווער ס'האָט געוואָרפן די באָמבע — האָט מען נישט געוואוסט, און מע ווייסט עס נישט עד־היום.

די פּאָליציי האָט זיך אַ נעם געטון צו די ראַדיקאַלן. מע האָט אַרעסטירט די רעדנער פון דעם הײמאַרקעט מי־טינג און אַלע באַקענטע ראַדיקאַלע פירער. די „אַרבעטער צייטונג" האָט מען אָפּגעשטעלט, און די זעצערס האָט מען פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

די באַוואוסטע שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן: אָסקאַר ניבע, דזשאָרדזש ענגעל, מיכאַיל שוואַב און לואיס לינג, וואָס זע־נען אַפילו נישט געווען ביים היי־מאַרקעט מיטינג, האָט מען אויך אַרעסטירט. די פּאָליציי האָט שטרענג פאַר־ווערט די אַרבעטער דורכצופירן פאַרזאַמלונגען. און די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע איבערן גאַנצן לאַנד האָט געפאָ־דערט, מע זאָל אויסהענגען אַלע אַנאַרכיסטן.

דעם 17 מאַי האָט די גרענד דזשורי פון שיקאַגאָ אָנגע־קלאָגט פאַר דער דערמאָרדונג פון די זיבן פּאָליסלייט ניין אַנאַרכיסטן: שפּיז, פּאַרסאָנס, לינג, פילדען, ענגעל, פישער, שוואַב, ניבע און שנאַובעלט. שנאַובעלטן און פּאַרסאָנסן האָט די פּאָליציי נישט געקאָנט געפינען.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס, איז פּאַר־סאָנס, וואָס האָט פאַרלאָזט שיקאַגאָ גלייך נאָכן היי־מאַר־קעט מיטינג, אַליין געקומען אין געריכט און האָט זיך געשטעלט צום משפּט. דעם אָנגעקלאָגטן שנאַובעלטן האָט די פּאָליציי קיינמאָל נישט געפונען.

צוויי און צוואַנציק טעג האָט געדויערט ביז מען האָט אויסגעקליבן אַ דזשורי, און דעם 15־טן יולי האָט דער פּראָ־קוראָר געעפנט דעם פּראָצעס.

אין זיין דערעפענונג־רעדע קעגן די אַנאַרכיסטן האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט, אַז ער וועט באַווייזן ווער ס׳האָט געוואָרפן די באָמבע. זיינע אַלע עדות, וואָס ער האָט גע־בראַכט, האָבן אָבער גאָרנישט ניט באַוויזן.

ביים פּראָצעס האָט דער פּראָקוראָר פאָרגעלייענט פאַרשיידענע אַרטיקלען און רעדעס פון דער דייטשער „אַרבעטער צייטונג״ און פון „אַלאַרם״. ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז די אָנגעקלאָגטע זענען אַנאַרכיסטן, וואָס קעמפן דורך וואָרט און שריפט קעגן דער אומגערעכטער קאַפּיטאַ־

ליסטישער אָרדענונג. מיט דעם האָט ער געוואָלט באַאיינפלוסן די דזשורי קעגן די אָנגעקלאָגטע. מיט דער באָמבע האָט דאָס אָבער גאָרנישט ניט געהאָט צו טון.

פינף וואָכן האָט זיך געצויגן דער פּראָצעס. די קאַפּיטאַליסטן האָבן אַלץ אָנגעווענדט אומצוברענגען די אומשולדיקע אַנאַרכיסטן. די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך וואונדערלעך פאַרטיידיקט און באַוויזן דעם בילבול אויף זיי. דעם 20 אויגוסט אָבער האָט די דזשורי, נאָך אַ קורצער באַראַטונג, אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל: „שולדיק!"

זיבן פון די אָנגעקלאָגטע, שפּיז, פּאַרסאָנס, פילדענען, שוואָבן, לינגן, פישערן און ענגעלן האָט מען פאַראורטיילט צום טויט, ניבען — צו 15 יאָר תפיסה. דעם טאָג פון דעם עלפטן נאָוועמבער, האָט דער ריכטער באַשטימט, זאָל מען די זיבן פּאַרמישפּעטע אויפהענגען.

מע האָט אַפּעלירט קעגן דעם אורטייל צו די העכערע געריכטן. דער אַפּיל איז אָבער צוריקגעוויזן געוואָרן. סע האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָטעסט באַוועגונג צו באַפרייען די אומשולדיקע מאַרטירער. סע האָט אָבער נישט געהאָלפן.

דעם עלפטן נאָוועמבער, 1886, האָט מען אין דזשאָלעט פּריזאָן פון שיקאַגאָ אויפגעהאנגען פיר פון די פאַראורטיילטע: שפּיז, פּאַרסאָנס, ענגעלן און פישערן. לואיס לינג איז מיט אַ טאָג פאַר דער הינריכטונג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, און שוואָבן און פילדענען האָט דער גאָווערנאָר אָגלסבי, עטלעכע טעג פאַר דער הינריכטונג, פאַרביטן דעם טויט-אורטייל אויף לעבנסלאַנגער-געפענגעניש.

שוואָב און פילדען זענען מיט יאָרן שפּעטער באַגנאַדיקט געוואָרן. דער גאָווערנאָר אַלטגעלט האָט דערביי דערקלערט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט אונטערזוכט דעם

גאַנצן משפּט פון די פּאַראָרטײלטע אַנאַרכיסטן, רעכנט ער, אַז עס זענען נישט געװען גענוג באַװײזן און קײן גרונד זײ צו פאַראורטײלן.

## די רעדעס פאַר די אַרבעטער, זײ זאָלן װערן יוניאָן־לײט

אין אָנהײב פון די אַכציקער יאָרן האָט זיך אין ניו יאָרק אָנגעהױבן צו אַנטװיקלען די קלײדער־אינדוסטריע. דידאָזיקע אינדוסטריע, דאָס „נאָדל־פאַך", איז צום גרעסטן טײל געשאַפן געװאָרן פון די אידישע אימיגראַנטן, װאָס האָבן אין איר אַרײנגעלײגט זײער פּראַצע, גײסט און בלוט.

צוזאַמען מיט דער אַנטװיקלונג פון דער קלײדער־אינדוסטריע — איז פאַר די אַרבעטער געװאַקסן די נױטװענדיקײט אין יוניאָנס. און די יוניאָנס זענען נײטיק געװען צוליב צװײ טעמים: ערשטנס צו זײן באַשיצט קעגן דער מוראדיקער עקספּלואַטאַציע, און צװײטנס — אױסצופילן די פּוסטקײט אין דעם לעבן פון דעם אײנזאַמען און עלנטן אימיגראַנט אין דער גרױסער, פרעמדער שטאָט.

װאָרן די אַלע אידישע אימיגראַנטן, װאָס זענען געלאָפן פון דער אַלטער הײם װי פון אַ זינקענדיקער שיף, האָבן זיך אין דעם פרײען אַמעריקע דערפילט פאַרלױרענע, עלנטע. דאָס לעבן אין דער גרױסער שטאָט איז געװען פּוסט און באַדנלאָז.

די יוניאָן האָט פאַר יענע ערשטע אימיגראַנטן אױסגעפילט די פּוסטקײט פון דעם אײנזאַמען לעבן. אין דער יוניאָן האָט מען זיך באַגעגנט מיט לאַנדסלײט, מיט פרײנט, און מע האָט געקענט אײנער פאַרן אַנדערן אַביסל אָראָפּ־

רעדן די צרות פון הארצן. איינער צום אנדערן האט זיך געטוליעט ווי א סטאדע פארלוירענע שעפסן. די סאציא־ליסטישע אגיטאטארס, אב. קאהאן, מ. זאמעטקין, ל. מילער, מ. הילקוויט, יוסף באראנדעס און אנדערע רעדנער, פלעגן באגעגנט ווערן נישט נאר ווי פירער, נאר ווי אמתע פריינט.

די ראדיקאלן האבן געהאלטן פאר זייער וויכטיקסטער אויפגאבע צו ארגאניזירן די ארבעטער אין יוניאנס. דער גרעסטער כבוד פאר א סאציאליסט איז געווען, ווען די פאריניקטע אידישע געווערקשאפטן, אדער די סאציאליס־טישע סעקציע, פלעגט אים לאזן זיין טעטיק אין א יוניאן און איר העלפן אין צייט פון א סטרייק.

די רעדעס, וואס מע האט געהאלטן פאר די אר־בעטער, אז זיי זאלן זיך אנשליסן אן דער יוניאן, זענען אלע געווען פון אזא נוסח:

„ארבעטער! ברידער און שוועסטער!

„יעדער איינער, וואס מאכט א לעבן פון ארבעט, מוז באלאנגען צו דער יוניאן פון זיין פאך.

„די יוניאן איז די ארגאניזאציע, וואס ברענגט דעם ארבעטער דעם גרעסטן נוצן און באשיצט זיין געזונט. דער איינציקער ארבעטער פאר זיך אליין — איז א גאנץ קליינער בריה (בעריע) אין יעדער מחלוקה, וואס קומט פאר צווישן אים און זיין באלעבאס. ווייל קוים וואגט ער נאר צו עפענען א מויל, געפינט ער זיך באלד אויף דער גאס. ווען דער ארבעטער באלאנגט אבער צו א יוניאן, ווען ער איז פארבונדן מיט א גרויסער צאל אנדערע אר־בעטער פון זיין פאך, איז ער ארומגערינגלט מיט מענטשן, וואס זענען גרייט צו באשיצן אים אויף שריט און טריט.

אזא אַרבעטער איז דעמאָלט נישט אַליין אין קאַמף, וואָרן אַלע אַנדערע אַרבעטער העלפן אים קעמפן.

„פאַרייניקונג איז דעם אַרבעטערס איינציקער מיטל אין דעם קאַמף פאַר העכערע שכירות. איינער אַליין — איז ער מאַכטלאָז. די באַסעם, ווי אַ באַזונדער קלאַס, האָבן גלייך ביים אָנהייב געוואָלט פאַרניכטן די יוניאָנס. זיי האָבן אָנגעווענדט אַלע מעגלעכקייטן, דורך דער עפענט־לעכער מיינונג, דורך דער פרעסע, לעדזשיסלייטשור, גע־ריכטן און טורמעס, דידאָזיקע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צו טייטן.

„יעדער פאַבריקאַנט גלייבט, אַז דאָס געשעפט פון וועלכן ער איז דער באַלעבאָס — איז זיינס, און אַז קיינער האָט נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן און אים צו זאָגן דעות (דייעס) ווי אזוי דאָס געשעפט צו פירן.

„די יוניאָן, וואָס איר אויפגאַבע איז אויסצוקעמפן פאַר דעם אַרבעטער קירצערע אַרבעט־שטונדן, בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, זיכערער געצייג און אַ גרעסערן טייל פון די רייכטימער, וואָס דער אַרבעטער שאַפט, קאָן און וועט דאָס אויספירן.

„די קאַפּיטאַליסטן ווילן נאַטירלעך נישט דולדן, וואָס די יוניאָנס ווילן זיך אַריינמישן אין זייערע געשעפטן. זיי קענען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַן אַרבעטער זאָל מעגן זאָגן אַ דעה (דייע) ווי צו פאַרוואַלטן אין לאַנד די פּריוואַט־געשעפטן.

„דער אמת איז אָבער, אַז דער מענטש, וואָס לייגט אַריין זיין אַרבעט און זיין געזונט אין אַ פאַבריק, אָדער אויף אַן אייזנבאַן, איז פּונקט אַזוי פאַרינטערעסירט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק, אָדער אייזנבאַן, ווי דער, וואָס האָט אַריינגעלייגט זיין געלט. ער דאַרף דע־

ריבער אין דער פראַגע פון וויפיל שטונדן מע זאָל אַר־בעטן, און וועגן די באַדינגונגען פון דער אַרבעט, האָבן פונקט אַזאַ דעה ווי דער באַלעבאָס.

„ס׳איז אמת, אַז דער קאַפּיטאַליסט איז דער געזעצ־לעכער באַלעבאָס פון זיין פאַבריק. ער קען זי האַלטן צו־געמאַכט, ער קען זי האַלטן אָפן, ער קאָן טון ווי ער וויל. פונקט אַזוי האָט דער אַרבעטער אַ רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט, ווען די באַדינגונגען זענען פאַר אים נישט קיין גוטע. די אַרבעטער האָבן דאָס רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט, סיי יעדער באַזונדער, סיי אַלע צוזאַמען.

„דורך די „טרייד־יוניאָנס" איז דער אַרבעטער בע־סער באַשיצט, און קריגט מער באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט, ווי ער וואָלט געקראָגן, ווען די יוניאָנס וואָלטן נישט גע־ווען. ביידע, אי דער אַרבעטער, אי דער באָס, זענען אויסן זייערע אייגענע אינטערעסן. דער באָס וויל פאַרניכטן די יוניאָנס פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן, און דער אַרבע־טער וויל די יוניאָנס שטאַרקער מאַכן פאַר זיינע איי־גענע אינטערעסן. און כל־זמן ווי פערזענלעכע אינטע־רעסן וועלן זיין דאָס געזעץ און דער פונדאַמענט אין לעבן, מוז דער קאַמף אָנגיין מיט אַלץ מער קראַפט און אי־בערגעבנקייט.

„דער קאַמף פון די „טרייד־יוניאָנס" וועט אָנגיין אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט הערשן דער קאַפּיטאַליזם!"

אָט דאָס איז מער־ווייניקער, געווען דער אינהאַלט פון די מערסטע אַגיטאַציע־רעדעס, וואָס מע פלעגט האַלטן פאַר די אַרבעטער.

## ווי אַזוי מע האָט אָרגאַניזירט יוניאָנס, סטרייקס און סטרייקעלעך.

די הויפּט-אַרבעט ביים גרינדן יוניאָנס איז באַשטאַנען אין רופן מיטינגען, אָדער ווי מע האָט זיי גערופן, „מאַסן-פאַרזאַמלונגען".

עס זיינען געווען וואָלונטירן, וואָס פלעגן גיין צו די שעפּער און שוויצשעפּער און דאָרטן אויסטיילן די אַר-בעטער „הענדבילס". זיי פלעגן די „הענדבילס" אויך צע-טראָגן אין די רעסטאָראַנען, „דענסינג סקולס", און סיגאַר סטאָרס, און אומעטום, וואו אַרבעטער פלעגן זיך צוזאַמענ-קלייבן.

קיין אַרבעטער-צייטונג, דורך וועלכער מע זאָל קאָנען גרייכן דעם אידישן אַרבעטער, איז נאָך דעמאָלט נישט געווען. באַלעבאַטישע צייטונגען זענען שוין יאָ געווען, אָבער זיי פלעגן נישט וועלן געבן קיין נאָטיץ וועגן אַר-בעטער-פאַרזאַמלונגען. ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַ סטרייק פון שניידערס, אָדער בעקערס, פלעגן די באַ-לאַבאַטישע צייטונגען זיין אויפן צד פון די באָסעס, און — קעגן די יוניאָנס. דעם אידישן אַרבעטער האָט מען דעריבער געקאָנט גרייכן נאָר דורך „הענדבילס".

עס זענען אויך געווען באַשטימטע פּלעצער, וואו אי-דישע אַרבעטער פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין זייער פרייער צייט און יעדן שבת. אויפן ווינקל פון עסעקס און העס-טער סטריט, וואָס מע האָט גערופן „דער אידישער חזיר-מאַרק", פלעגן זיך יעדן שבת פאַרזאַמלען די רעק-מאַכער; אויף ווינקל פון לודלאָו און ברום סטריט — פלעגן זיך

צונויפקומען די שניידער פון קינדער-הייזלעך (ניפענטס-מאכער). דאָרט איז געווען דער קלענערער „חזיר-מאַרק".
די „קלאוק-מאַכער" פלעגן שטיין אויפן ווינקל פון אָר-טשאַרד און העסטער סטריט. און די רומענישע אַרבע-טער האָט מען, אין זייער פרייער צייט, געקאָנט געפינען בלויז אין די טאַנץ-שולן.

אַזוי שנעל ווי סע פלעגט זיך איינגעבן צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער פון עטלעכע שעפער און נאָך איידער די יוניאָן פלעגט צייט האָבן צו באַשליסן וועגן אַ סטרייק, פלעגן די אַרבעטער אין איינצלנע שעפער שוין נישט האָבן קיין געדולד צו וואַרטן און — אַליין אַרויסגיין אין סטרייק.

אין אַזוינע פאַלן פלעגן די סטרייקערס אַוועקגיין אין אַ ביר-סאַלון דינגען אַ פאַרזאַמלונג-פלאַץ און אַרומלויפן זוכן די פירער פון די יוניאָנס. קיין אייגענע אָפיסעס האָבן די אידישע יוניאָנס נאָך דעמאָלט נישט געהאַט.

אַז די יוניאָנס פלעגן אָנקומען, פלעגן זיי זיך ערשטנס פאַנאַנדערפרעגן אַלע איינצלהייטן וועגן סטרייק. דערנאָך פלעגן זיי אַוועקגיין צו די באַלעבאַטים אויסהערן זייער צד. אַמאָל פלעגט זיך איינגעבן תיכף אויסצוגלייכן די שטרייטיקייטן, און די אַרבעטער פלעגן צוריקגיין צו דער אַרבעט.

אויב מע איז אָבער נישט געקומען צו קיין אויסגלייך מיט די באַלעבאַטים, האָט מען זיך גענומען אָרגאַניזירן דעם סטרייק אויף אַ ליטישן אופן. מע האָט אויסגעקליבן עטלעכע אַרבעטער, זיי זאָלן אַרויפגיין אין די שעפער זען, צי סע אַרבעטן נישט קיין סקעבס, און מע האָט באַשטימט פיקעטס צו פיקעטן אַרום די שעפער.

ווי גרינג עס איז אָנגעקומען אַרונטערצונעמען אַרבע-טער אויף אַ סטרייק — אַזוי איז אָבער געווען שווער צו

געווינען אַ סטרייק. צום שווערסטן איז געווען צו געווינען אַ סטרייק ביי באַלעבאַטים, וואָס זענען אַליין געווען די פאַבריקאַנטן און נישט קיין קאָנטראַקטאָרס. זיי זענען געווען אָפט אַזוי איינגעאַקשנט, אַז זיי פלעגן ליבערשט פאַרלירן געלט, איידער נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

אין די אָפטע דורכפאַלן זענען די סטרייקערס אַליין אויך געווען שולדיק. אַ סך סטרייקער פלעגן איידער וואָס־ווען אַוועק זוכן זיך אַנדערע אַרבעטן. וואָרן די מייניסטע זענען געווען ביטערע אָרימעלייט און האָבן געמוזט גלייך זוכן עפּעס צו פאַרדינען. אָפט פלעגט אַפילו נישט גע־לינגען זיי איינצוהאַלטן און ברענגען זיי צוריק אין די שע־פער פונוואַנען זיי זענען אַרויס אין סטרייק.

אין יעדן סטרייק איז פאַר די באַלעבאַטים נישט שווער געווען צו קריגן סקעבס. די מייניסטע אַרבעטער זענען נאָך נישט געווען אָרגאַניזירט, אַז מע זאָל זיי קענען קאָנטראָ־לירן. חוצדעם פלעגן זיך צו די סטרייק־שעפער צונויפ־לויפן טרעמפּס און דערציילן די פּיקעטס, אַז זיי זענען אַר־בעטער פון דעם פאַך און אַז זיי וואָלטן נישט וועלן גיין פאַרנעמען די פלעצער פון די סטרייקערס, נאָר וואָס זאָלן זיי נעבעך טון, אַז זיי זענען שוין לאַנג אַרבעטלאָז און גייען פשוט אוים פון הונגער. אויב מע וועט זיי שטיצן מיט געלט, וועלן זיי נישט סקעבן.

אָט דער מין טרעמפּ פלעגט צונעמען די לעצטע פּענים פון דער יוניאָן־קאַסע.

די באַלעבאַטים, וואָס האָבן צוגענומען סקעבס, פלעגן געוויינלעך אַרומשטעלן זייערע שעפער מיט „שטאַרקע״ און מיט „שלעגערס״, אָדער מיט „גאַרדס״, ווי זיי האָבן זיי גערופן.

די פּאַליסלייט און דעטעקטיוום זענען אויך נישט געזעסן ליידיק. זיי פלעגן אָנפאַלן אויף די סטרייקערס און זיי צעמיימיסן, און נאָכדעם נאָך אַוועקשלעפּן אין די „פּאַלים קאָוהטס" (געריכטן) און מאַכן אויף זיי בלבולים (פריים-אַפּס).

די ריכטער אין יענער צייט פלעגן זיין „באַארבעט" פון די פּאָליטישנס, וואָס פלעגן לייכט פועלן (פּוילן), אַז מע זאָל די סטרייקערס פאַרשיקן אויף חדשים-לאַנג אין „וואָירק-האַוז" (אַרבעט-הויז, אין תפיסה).

די אַרבעטער, ווי געזאָגט, זענען געווען שרעקלעכע אָרימעלייט. ווי נאָר זיי זענען אַרוים אין סטרייק, האָבן זיי שוין נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. און אַז סע פלעגט קומען דער ערשטער פון חודש און עס איז נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן דירה-געלט, פלעגט דער „לענדלאָרד" סטראַשען אַרויסצוואַרפן די „פּאָרניטשע" מיטן גאַנצן ביסל אָרימקייט אויף דער גאַס. און אָפּט פלעגן זיי טאַקע אַזוי טון.

די קאַסעס פון די יוניאַנס זענען געווייינלעך געווען פּוסט. איין סטרייקער פלעגט אַרומלויפן מיט אַ מוף-צעטל אין האַנט, אַ צווייטער פלעגט זיך קלאָגן, אַז ביי אים אין הויז איז קיין ברויט נישטאָ, ביי אַ דריטן איז די פרוי קראַנק, ביי אַ פערטן איז אַ קינד קראַנק, און אַזוי אָן אַ שיר צרות. און דער סטרייק-קאָמיטעט האָט געמוזט זען אַלעמען מיט עפּעס העלפן.

און דאָ קומט פּלוצלונג צו לויפן אַ פּיקעט מיט דער טרויעריקער נייעס, אַז אַ סטרייקער האָט זיך פאַרקויפט צום באַלעבאָס; און אָט פירט מען אריין אַ בלאַסן סטריי-קער מיט אַ צעשלאָגן פּנים און באַגאָסן מיט בלוט. די קליידער אויף אים זענען צעריסן. ער פאַלט אין חלשות

(כּאַלאָשעס). מע מינטערט אים, מע גיסט אויף אים קאַלט וואַסער, און מע לויפט נאָך אַ דאָקטאָר.

און אַט אַ נייע נייעס. לעבן אַ שאַפּ האָט מען אַרעס־טירט פינף סטרייקערס. מע דאַרף לויפן זוכן אַ „בעילער" זיי אַרויסצונעמען פון דער פּאָליציי, ביז דער משפט וועט פאָרקומען.

מע לויפט צום דאָקטאָר, מע לויפט צום לאָיער, און קיין געלט איז נישטאָ. עס איז שווער, עס איז ביטער, נאָר דעם מוט פאַרלירט מען נישט. מע טוט וואָס מע קאָן.

און אַז סע קומט צום מאַס־מיטינג — האַלט מען באַ־גייסטערטע רעדעס. מע זוכט די סטרייקערס אויפצומונ־טערן. מע דערציילט זיי, אַז דער סטרייק „שטייט גוט", „מע וועט זיכער זיגן און געווינען דעם סטרייק". און מע ווייזט זיי קלאָר, אַז די שונאים, די באַלעבאַטים, זענען אויף צרות, און זיי וועלן מוזן נאָכגעבן די אַרבעטער די גע־רעכטע פאָדערונגען.

דער עולם דערוואַרעמט זיך, און מען באַשליסט ווײַ־טער צו קעמפן.

מיט דעם גרינדן „די פאַרייניקטע אידישע געווערק־שאַפטן", אין יאָר 1888, איז די לאַגע פון די יוניאָנס גע־וואָרן אַסך בעסער. „די געווערקשאַפטן" האָט פאַרייניקט אַלע אידישע יוניאָנס אין איין שטאַרקער קערפּערשאַפט. די קליינע, שוואַכע יוניאָנס, וואָס האָבן נישט קיין מעג־לעכקייט אַליין אָנצופירן אַ סטרייק, אַ קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען — זיי קומט „די געווערקשאַפטן" אַלעמאָל צו הילף. די גרעסערע יוניאָנס פילן אין „די פאַרייניקטע אידישע געווערקשאַפטן", אַז זיי האָבן אויף זייער זייט די גאַנצע אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטערשאַפט.

## די ערשטע אידישע ראַדיקאַלע פּרעסע

די נייטיקייט אין אַן אייגענער אידישער אַרבעטער צייטונג האָט זיך געפילט אויף טריט און שריט. אַלע האָבן איינגעזען, אז אַן אייגענע צייטונג וואָלט אַסך געהאָלפן דער אַרבעטער-באַוועגונג און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די אידישע סאָציאַליסטן האָבן דעריבער געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו שאַפן אַן אַרבעטער צייטונג. ביי די מיטינגען פון דער אידישער סעקציע „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי", האָט מען אַלעמאָל פּאַרהאַנדלט וועגן אַרויסגעבן אַן אייגענע סאָציאַליסטישע און טרייד-יוניאָניסטישע צייטונג אויף אידיש.

אין יאָר 1889 האָט די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנערן פון פרייהייט" אַרויסגעגעבן אַ צייטונג מיטן נאָמען „די וואַרהייט". זיבן חדשים האָט די צייטונג עקזיסטירט. עטלעכע חדשים שפּעטער איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע פּאָרגעשריטענע צייטונג: „דער מאָרגענשטערן". דער אַרויסגעבער איז געווען אפרים לאָנדאָן, דער פאָטער פון דעם שפּעטער באַרימטן סאָציאַליסט מאיר לאָנדאָן, און דער רעדאַקטאָר איז געווען דר. בראַסלאַווסקי (ברעסלאָו), דער געוועזענער רעדאַקטער פון דער „ניו-יאָרקער אידישער פאָלקסצייטונג", אַן אַרבעטער צייטונג, אַרויסגעגעבן פון פּריוואַטע אונטערנעמער. אָבער אויך די צייטונג האָט לאַנג נישט עקזיסטירט.

אַרום סוף פון 1889 האָט די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנערן פון פרייהייט" אַראַנזשירט אַן אַלגעמיינע קאָנווענשאָן צו באַטראַכטן דעם ענין (איניען) וועגן אַרויסגעבן

אַן אומפּאַרטייאישע אַרבעטער-ציימונג. זיי האָבן צו דער קאָנוועגשאָן איינגעלאַדען אַלע אידישע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע: אַנאַרכיסטישע, סאָציאַל-דעמאָקראַטישע, די יוניאָנס און די בילדונג-פאַריינען.

צו דער קאָנווענשאָן זענען זיך צונויפגעקומען אסך דעלעגאַטן פון פאַרשידענע שטעט איבערן לאַנד: פון פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, ניו-הייווען, האַרטפאָרד, ניו-בריטן, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעט.

די קאָנווענשאָן, אין אַ גאַנץ גרויסן צימער פון דער עסעקס מאַרקעט קאַסערנע (אַרמאָרי), האָט געדויערט זעקס טעג און זעקס נעכט. איבער צוויי הונדערט דעלעגאַטן און באַזוכער האָבן אָנגעפילט דאָס גרויסע צימער. די דעלעגאַטן זענען געזעסן אין די פאָדערשטע רייען, אַרומגעצאַמט מיט שטריק. אין צימער איז געווען אַ געדיכטער רויך און אַ גרויסער טומל. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די רעדנער צו האַלטן „הייסע" רעדעס.

די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי אַליין וועלן נישט קענען אויפהאַלטן אַן אייגענע ציימונג. זיי האָבן דעריבער געוואָלט אַרויסגעבן די ציימונג צוזאַמען מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, און האָבן געהאָפט, אַז זיי וועט מיט דער צייט געלינגען צו קריגן די אויבערהאַנט און אויף אַזאַ אופן וועלן זיי קענען געווינען דעם עולם פאַרן אַנאַרכיזם.

פון קיין טרייד-יוניאָנס האָבן די אידישע אַנאַרכיסטן נישט געהאַלטן. זייער טאַקטיק איז געווען געבויט אויף דעם כלל, אַז „וואָס ערגער — איז בעסער". זיי האָבן געטיינעט, אַז ווען די אַרבעטער וועלן קנאַפּ פאַרדינען, וועלן זיי שנעל מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטן אָבער האָבן געהאַט אַ פאַר-

קערטן כלל: „וואָס בעסער — איז בעסער". דאָס מיינט, אַז ווען אַרבעטער וועלן אַרבעטן קירצערע שטונדן און בעסער פאַרדינען — וועלן זיי האָבן כוח און חשק צו קעמפן פאַר זייער באַפרייאונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער שקלאַ־פעריי.

אויפן פערטן טאָג פון דער קאָנווענשאָן איז עס געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן ביידע פּאַרטייען. די סאָציאַלדעמאָקראַטן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער קאָנוווענשאָן און מיט זיי זענען מיטגעגאַנגען אַלע אידישע יוניאָנס.

פון איין קאָנווענשאָן איז געוואָרן צוויי, און יעדע פון זיי האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די יוניאָנס מיט די פּאַרייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָניסטישע וועכנטלעכע צייטונג מיטן נאָמען „די אַרבעטער־צייטונג".

די אַנאַרכיסטן מיט די בילדונג־פאַריינען האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ וועכענטלעכע „אומפּאַרטייאישע" צייטונג מיטן נאָמען „די פרייע אַרבעטער שטימע". אַרום אָנהייב פון יאָר 1890 האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין „די אַרבעטער צייטונג" און פיר חדשים שפּעטער, אין יולי, 1890, — „די פרייע אַרבעטער שטימע".

## די „אַרבעטער צייטונג" און אירע מיטאַרבעטער

די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן גלייך געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „די אַרבעטער צייטונג פּאַבלישינג אַסאָסיאיישאָן", און אין משך (מעשעך) פון צוויי חדשים האָט די אָרגאַניזאַציע געשאַפן פאַר דער צייטונג עטלעכע טויזנט טאָלער.

ווען מע זאָל די צייטונג אָנהייבן אַרויסגעבן — האָט מען נישט באַשטימט, ווייל עס איז נאָך נישט געווען געַנוג געלט. מע האָט אָבער גלייך אָװעקגעשיקט אַן איינלאַדונג צו פיליפּ קראַנץ קיין לאָנדאָן, אַז ער זאָל קומען און זיין דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

דאָס געלט אויף אַ שיפקאַרטע פאַר קראַנצן האָט מען געקליבן צווישן די אייגענע גענאָסן, און אין פעברואַר 1890 האָט מען אַריבערגעבראַכט קראַנצן.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט די אָרגאַניזאַציע צונויפגערופן אַ מיטינג. מע האָט אָפיציעל אויסגעקליבן פיליפּ קראַנצן פאַר רעדאַקטער, און מאָרים הילקאָוויטשן (הילקוויט) פאַר מענעדזשער, מיט אַ געהאַלט פאַר יעדן פון זיי זיבן טאָלער אַ וואָך.

די רעדאַקציע און די דרוקעריי האָט פאַרנומען צוויי גרויסע צימערן אין אַן אַלטן שטיבל אויף הענרי סטריט. אין דעם צימער צו דער גאַס — איז געווען דער געשעפט-אָפיס און די רעדאַקציע. דאָ איז געשטאַנען אַ טיש מיט אַ שיפלאַד, וואו דער רעדאַקטער האָט געהאַלטן די מאַנוסקריפטן. קראַנץ האָט אָבער מורא געהאַט צו לאָזן די אַרטיקלען אין טישקעסטל און ער האָט זיי מיינסטנס אַרומגעטראָגן אין בוזים-קעשענע.

דער מענעדזשער האָט געהאַט אַ באַזונדערן טיש, אַן אַלטן, אַ הויכן, מיט אַ הויכן שטול. די געשעפטן זענען געגאַנגען שוואַך, און קיין סך אַרבעט האָט דער מענעדזשער, דער יונגער הילקוויט, נישט געהאַט. ער פלעגט זיך דעריבער זיצן אויף זיין הויכן שטול און שרייבן „שירים" אויף טייטשמעריש, מיט אידישע אותיות. ער פלעגט זיך אויף זיינע „געדיכטן" אונטערשרייבן „המנגן".

ביי די ווענט פון דער רעדאַקציע זענען געשטאַנען

עטלעכע בענקלעך. דאָ פלעגן אַלעמאָל זיצן אַרבעטלאָזע חברים. עס איז ביי זיי געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו זיין דאָרט, וואו מע שרייבט זייער אַרבעטער צייטונג.

אין צווייטן צימער איז געווען די דרוקעריי. דאָ האָבן געאַרבעט ביי די קאַסטנס אַ דריי־ פיר זעצער. קיין זעצמאַשינען זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען.

פאַר דידאַזיקע צימערן האָט מען געצאָלט 29 טאָלער. דער לענדלאָרד איז געווען אַן אייגענטימער פון אַ פאַון־שאַפ (אַ לאָמבאַרד). ער האָט נישט קיין חשק געהאַט צו פאַרדינגען זיינע צימערן סאָציאַליסטן. מע האָט אים אָבער געגעבן, ווי דאָס האָט געהייסן אין יענער צייט, אַ גוטן פרייז און ער האָט פאַרדונגען.

פרייטיק, דעם 7 מערץ, 1890, איז אַרויס דער ערשטער נומער פון דער „אַרבעטער צייטונג".

די הויפט מיטאַרבעטער פון דער צייטונג זענען געווען קראַנץ, קאַהאַן און הילקוויט. שפּעטער איז צוגעקומען ב. פייגענבוים.

פייגענבוים איז געקומען פון לאָנדאָן אין 1891. נאָך איידער ער איז געקומען — איז שוין זיין נאָמען געווען באַקאַנט צווישן אידישע סאָציאַליסטן ווי דער פאַרפאַסער פון סאָציאַליסטישע בראָשורן. ב. פייגענבוים האָט גע־שטאַמט פון אַ חסידישער פאַמיליע אין וואַרשע. ער האָט אַסך יאָרן געלערנט אין אַ ישיבה. אים האָט אָבער געצויגן צו אַן אַנדער לעבן. ער האָט פאַרלאָזן די ישיבה און איז אַוועקגעפאָרן קיין בעלגיע. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט דער סאָציאַליסטישער לערע און איז געוואָרן אַ סאָ־ציאַליסט.

אין 1893 האָט די צייטונג צוגעקריגן נאָך אַ וויכטיקן מיטאַרבעטער: באַראַנאָוו.

מ. באַראַנאָוו האָט געשטאַמט פון רוסלאַנד. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער גימנאַזיסט — האָט ער זיך שוין באַטייליקט אין דער רוסישער פרייהייט־באַוועגונג.

באַראַנאָוו איז געווען אַ באַשיידענער און צוריקגעצויגענער מענטש. צווישן די מאַסן איז ער געווען שטאַרק באַליבט פאַר זיינע אַרטיקלען, פריער אין דער „אַרבעטער צייטונג", „אָוונטבלאַט", און שפּעטער אין „פאָרווערטס".

פייגענבוים און באַראַנאָוו האָבן מיט זייערע אַרטיקלען בייגעטראָגן אסך צו דער אויפקלערונג פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע.



## די ערשטע אידישע טעאַטערס אין ניו יאָרק

אין יאָר 1883 איז פון יענער זייט ים געקומען קיין ניו יאָרק די ערשטע אמתע אידישע אַקטיאָרן־טרופּע. אויף דער אידישער איסט־סייד איז געוואָרן אַ פרייד. איבער־הויפּט האָבן זיך שטאַרק געפרייט מיט דער נייער טרופּע די דרום־רוסישע אידן, וואָס האָבן שוין אין דער היים פאַר־זוכט דעם טעם פון אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

די טרופּע האָט גלייך געדונגען דעם „טורן־האָל" אין דעם מאַנהעטן לייסעאום אויף דער פערטער סטריט, און האָט אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער.

ביי יעדער פאָרשטעלונג איז דער האָל געווען געפּאַקט. מע האָט געשפּילט שמ"רס אַ דראַמע „צוויי יתומים", וואָס איז געווען אַ גרויסער פינאַנציעלער ערפאָלג.

נאָך עטלעכע וואָכן שפּילן אין „טורן האָל" — האָבן די באַלעבאַטים זילבערמאַן און חיימאָוויץ אָפּגעדונגען דעם „בויערי גאַרדן", וואו מע האָט שוין פריער געגעבן אידי־שע פאָרשטעלונגען. מע האָט דעם „בויערי גאַרדן" רע־מאָנטירט און אַ נאָמען געגעבן „אָריענטאַל טעאַטער".

דריי יאָר שפּעטער איז געקומען אַ צווייטע טרופּע, אונ־טער דער פירערשאַפט פון דעם שפּעטער באַרימטן אַקטיאָר זיגמונד מאָגולעסקאָ. די נייע קאָמפּאַניע איז באַשטאַנען פון באַרימטע שוישפּילער. צווישן זיי איז געווען: דוד קעסלער און זיין פרוי, מ. פינקל און די פרוי שוואַרץ־פינקל, זיגמונד פיינמאַן, מ. וויינבלאַט, פרוי פּאַולינע איידל־שטיין און מאָגולעסקאָ און זיין פרוי.

די נייע טרופּע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין אידישן ניו יאָרק. מע האָט זיך שוין קוים דערוואַרט די טרופּע זאָל אָנהויבן שפּילן. אָבער אויף דער איסט־סייד איז נישט געווען קיין טעאַטער צו דינגען. די נייע טרופּע האָט זיך פאַרקליבן אזש אין דער 58 סטריט, אין אַ פּלאַץ, וואָס מע האָט גערופן „טערעס גאַרדן".

די ערשטע אָוונטן זענען געווען געפּאַקט. מע האָט געשפּילט שמ"רס אָפּערעטע „קאַקעטן־דאַמן" און אַ פּאָר איבערגעזעצטע אָפּערעטן.

נאָך עטלעכע וואָכן שפּילן אין „טערעס גאַרדן" האָט די טרופּע זיך געמוזט אַרויסקלייבן, ווייל דער פּלאַץ איז געווען פאַרדונגען פאַר בעלער און קאָנצערטן.

ערשט אין אַ זיבן־אַכט חדשים אַרום איז מאָגולעסקאָן געלונגען צו קריגן דאָס קליינע ענגלישע „נעשאָנאַל טעאַטער" אויף דער באַוערי, גלייך אַנטקעגן זילבערמאַנס „אָריענטאַל טעאַטער". מאָגולעסקאָ האָט זיין טעאַטער אַ נאָמען געגעבן „רומעניען אָפּערע הויז".

איןביידע טעאַטערס האָט מען געשפּילט אָפּערעטעס. אין „אָריענטאַל טעאַטער", וואו עס זענען צוגעקומען עטלעכע נייע אַקטיאָרן, צווישן זיי: סאָפיע גאָלדשטיין און אַלבערט שיינגאָלד, האָט מען געשפּילט מיט גרויס ערפאָלג לאַטיינערס אָפּערעטע „יוסף מיט די ברידער", און אין מאָגולעסקאָס „רומעניען אָפּערע הויז" האָט מען געשפּילט היסטאָרישע אָפּערעטעס פון פּראָפעסאָר הורוויץ. אויסער לאַטיינערס און הורוויצעס אָפּערעטעס, האָט מען אין ביידע טעאַטערס אויך געשפּילט אברהם גאָלדפאַדענס אַלע באַקאַנטע אָפּערעטעס.

אין יענער צייט האָבן די אַקטיאָרן, וואָס פלעגן שפּילן אויף „מאַרקן", דאָס הייסט, אויף באַשטימטע פּראָצענטן

לויט די רייגע פּראָפיטן, באַשלאָסן אויסצוקעמפּן אַ וועכנט-לעך מינימום געהאַלט. זיי האָבן דעריבער אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צווישן זיך צו גרינדן אַן אַקטיאָרן יוניאָן. די כאָריסטן האָבן שוין געהאַט פון פריער אַ יוניאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון מייקל מינץ. מינץ איז שפּעטער געוועזן דער אַרויסגעבער פון „אידישן העראָלד".

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי די אַקטיאָרן איז געלונגען צו גרינדן אַ יוניאָן, אין יאָר 1889, האָט דער מענעדזשער זילבערמאַן אויסגעשלאָסן פון זיין טעאַטער אַלע יוניאָן-אַקטיאָרן און כאָריסטן. דאָס האָט געפירט צו אַ סטרייק.

די פאַרייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָט געהאָלפן אָנפירן דעם סטרייק. די אַשערס און פּלאַקאַטן-הענגער (ביל פּאָוסטערס) זענען אַרויס אין סימפּאַטיע-סטרייק.

די אַקטיאָרן און כאָריסטן סטרייקערס האָבן געעפנט אַ קאָאָפּעראַטיוו טעאַטער, אונטער דער אויפזיכט פון די פאַרייניקטע אידישע און פאַרייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן. מיט דער צייט זענען אָבער פאַרגעקומען צווישן די אַקטיאָרן שטרייטיקייטן, דאָס טעאַטער האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן, און דער סטרייק איז געוועזן אַ פאַרשפּילטער.

די אַקטיאָרן יוניאָן האָט אָבער ווייטער עקזיסטירט. און ערשט אין יאָר 1900, ווען די אַקטיאָרן און אויך אַלע אַנדערע אָנגעשטעלטע, וואָס זענען פאַרבונדן מיט טעאַטער, זענען אַרויס אין אַ סטרייק, האָבן זיי געוואונען זייער פאָדערונג צו קריגן וועכנטלעכע שכירות, אָנשטאָט „מאַרקן".

---

אין יאָר 1902, ווען אין ניו יאָרק זענען שוין געווען פיר אידישע טעאַטערס, זענען אויפגעקומען אַ גאַנצע ריי מוזיק האָלס, אָדער ווי מע האָט זיי גערופן „אידישע וועריעטים".

די ווערייעטים זענען געווען פארוויילונג־פלעצער, וואו מען האט פאר א גלאז ביר, און שפעטער פאר 10־15 סענט איינטריט־געלט, געקאנט הערן אידישע לידער און קופלעטן. אין דידאזיקע פלעצער האבן יונגעלייט און מיידלעך, וואס האבן חשק געהאט צו ווערן אקטיארן, אויפגעפירט לייכטע סצענעס און איין־אקטערס.

די ווערייעטים זענען יעדן אוונט, איבערהויפט פרייטיק און שבת אוונט, געווען געפאקט מיט אלערליי באזוכער. דאס ביליקע פארגעניגן איז פאר די אידישע ארבעטער פון דער ארימער איסט־סייד געווען אן אמתדיק גליק.

בעת דער ביליקסטער טעאטער־בילעט האט געקאסט 35 סענט, האט שוין פאר 40־50 סענט אן ארימער ארבעטער געקאנט פארברענגען מיט זיין פרוי און קינדער אין א ווערייעטי. פלעגן טאקע ארבעטער איינמאל א וואך, און אמאל מערער, נעמען די פרוי מיט די קינדער אין א ווערייעטי, וואו מע האט געהערט באקאנטע לידער, און וואו מע האט נאך געטרונקען צוזאמען מיט די אייגענע א גלאז ביר.

חוצדעם פלעגט מען זיך אין די ווערייעטים אויך טרעפן מיט לאנדסלייט און שכנים. אזא אוונט איינמאל א וואך איז פאר דעם פארמארעטן, עלנטן ארבעטער געווען אן אמתע אפפרישונג און א גרויסער פארגעניגן.

## אידישע ארבעטער־פאמיליעס וואלגערן זיך אין די גאסן

אין יאר 1893 האט דאס לאנד דורכגעמאכט א שווערן קריזיס. די ארבעטלאזיקייט איז געוואקסן פון טאג צו טאג, און צווישן די מאסן האבן אנגעהויבן בושעווען הונגער און נויט. טויזנטער און טויזנטער ארבעטער זענען גע־

בליבן אָן אַרבעט און אָן ברויט, און זיי האָבן געמוזט אנקומען צו צדקה.

אָנגעהויבן האָט זיך דער קריזיס אין וואָל סטריט, וואו אַלערליי אַקציעס זענען געפאַלן און האָבן פאַרלוירן דעם ווערט. רייכע שפעקולאַנטן פון וואָל סטריט זענען איבער נאַכט פאַראָרימט געוואָרן. באַנקירן האָבן באַנקראָטירט. פאַבריקן און מינען (מיינס) זענען פאַרמאַכט געוואָרן, און דאָס גאַנצע לאַנד איז געוואָרן פול מיט אַרבעטלאָזע, מיט הונגעריקע, מיט אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע.

מער פון אַלעמען האָט דער קריזיס געטראָפן דאָס נאָדל-פאַך, וואָס איז מייניסטנס געווען אין אידישע הענט. מע האָט כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט נייען מענער-און פרויען-קליידער.

אידישע שניידער-אַרבעטער האָבן נישט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. אויף די טראָטואַרן פון דער איסט-סייד האָט זיך געוואַלגערט דאָס באַלעבאַטישקייט פון אומצייליקע אַרבעטער-פאַמיליעס, וואָס מע האָט אַרויסגע-וואָרפן פון די דירות. עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס דאָס אומגליק האָט געטראָפן אין די הייסע זומער-חדשים, און מאַמעס מיט קינדער האָבן געקענט שלאָפן אין גאַס.

פרויען זענען גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן זוכן עפּעס אַר-בעט, אָדער אַ שטיקל ברויט פאַר זייערע קינדער. ארום די שניידער-שעפּער פלעגן זיך טאָג-ווי-נאַכט אַרומדרייען הונגעריקע אַרבעטער, וואָס האָבן געהאָפט, אַז אפשר וועט זיך פאַרט מאַכן עפּעס אַרבעט.

אַרבעטער זענען געווען גרייט צו טון די שווערסטע אַרבעט פאַר דעם קלענסטן פּרייז. טייל אָפּערייטערס ביי קינדער-מאַנטלען פלעגן אַרבעטן פאַר 20 סענט אַ טאָג.

סע האָבן זיך געפונען פילאַנטראָפּן, גוטע מענטשן,

וואָס האָבן פּריי געטיילט ברויט מיט זופּ און וואורשט. מע האָט אַפילו געעפנט אַסך פלעצער, וואו מע האָט אַר־בעטלאָזע געגעבן פּרייע מאָלצייטן. איינער אַ באַלעבאָס פון אַ ביר־סאַלון אויף איסט־בראָדוויי און ראָטגערס סטריט האָט אַנאָנסירט, אַז ער גיט יעדן איינעם פּריי זופּ און ברויט.

אַרום יענעם ביר־סאַלון איז אַלעמאָל געווען אַזאַ גע־דרענג פון מאַסן הונגעריקע, אַז פּאָליציי פלעגט מוזן העלפן האַלטן אָרדענונג.

די אידישע סאָציאַליסטן האָבן אין לייבאָר לייסעאום אויף דילענסי סטריט געעפנט אַ פרייע קיך פאַר יעדן איי־נעם. מע האָט אויך פונאַנדערגעשיקט עסנווארג צו הונ־געריקע פאַמיליעס אין די הייזער, וואָרן מע האָט געוואוסט, אַז נישט אַלע הונגעריקע ווילן און קענען קומען און שטעלן זיך וואַרטן, מע זאָל זיי עפּעס געבן אָפּצועסן. אַסך אַרבע־טער האָבן זיך פּשוט געשעמט מיט זייער אָרימקייט, און זיי פלעגן ליבערשט אויסגיין פון הונגער, איידער גיין בעטן עפּעס עסן.

אין דער צייט פון קריזיס זענען אַלע יוניאָנס אָפּגע־שוואַכט געוואָרן, אָדער גאָר אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען. און שפּעטער, ווען שעפּער און פאַבריקן האָבן זיך ווידער געעפנט, זענען די יוניאָנס געווען מאַכטלאָז. אַרבעטער זע־נען געגאַנגען צוריק צו דער אַרבעט פאַר יעדן פּרייז, וואָס מע האָט זיי נאָר געגעבן, און אַרבעטן האָבן זיי געאַרבעט וויפיל שעה דער באַלעבאָס האָט געוואָלט.

## די צערעמאָניעס אין די לאַדזשען און די גרינדונג פון דעם אַרבעטער רינג

די שווערע אַרבעט אין די שוויצשעפּער האָט זייער שעדלעך געווירקט אויף דעם געזונט פון די אַרבעטער. און אַז אַן אַרבעטער פלעגט ווערן קראַנק, האָט ער נישט געהאַט קיינעם צו ווענדן זיך צו ווענדן נאָך הילף. די פריינט, וואָס אַן אַרבעטער האָט יאָ געהאַט, זענען גע־ווײנטלעך געווען פּונקט אַזוי אָרים און עלנט ווי ער אַליין.

אין יענער צייט זענען שוין אַפילו געווען אידישע לאַדזשען, אָרדנס, אונטערשטיצונג־פאַריינען. נאָר קיין סך אַרבעטער האָבן זיך אין זיי נישט אָנגעשלאָסן. אידישע סאָציאַליסטן און פּראָגרעסיווע אַרבעטער האָבן געהאַלטן, אַז געהערן צו אונטערשטיצונג־פאַריינען — איז קעגן די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם.

חוצדעם האָבן אין די לאַדזשען געהערשט משונהדיקע צערעמאָניעס, וואָס זענען געווען דערווידער דעם אויפגע־קלערטן אַרבעטער.

די מערסטע לאַדזשען האָבן געפירט זייערע מיטינגען אויף אַזאַ שטייגער:

די הויפּט באַאַמטע זענען געזעסן אויבנאָן אויף אַ פּלאַטפאָרם אָנגעטון אין אַלערליי קאָלירטע רעגאַליעס. די מיטגלידער זענען געזעסן אויף ביידע זייטן פון דעם האָל, אָדער צימער. אויף דער פּלאַטפאָרם איז געשטאַנען אַ טיש פאַרשפּרייט מיט אַ שוואַרצן טישטוך, אַרומגעצוימט מיט אַ ווייסן באַנד. דאָס האָט געדאַרפט דערמאָנען די לאַדזשען־ברידער אין טויט.

אַז מע האָט אויפגענומען אין לאָדזש אַ נייעם „ברו־דער" — האָט מען דורכגעפירט די צערעמאָניע אויף אַזאַ אופן: ווען דער קאַנדידאַט איז אַריינגעקומען אין האַל — האָט דער „ברודער" פּרעזידענט דריימאָל אַ קלאַפּ גע־טון מיטן האַמער. אַלע „ברידער" פלעגן ווערן שטיל. דער נייער „ברודער" פלעגט זיך פאַרנייגן פאַרן ברודער פּרע־זידענט מיט זיינע געהילפן; דערנאָך — פאַרן וויים־פּרע־זידענט מיט זיינע געהילפן; דערנאָך — פאַרן עקס־פּרע־זידענט, און צום סוף — פאַר אַלע „ברידער" פון לאָדזש.

עס זענען געווען נאָך אַסך אַנדערע צערעמאָניעס פון דעם סאָרט. פאַרשטייט זיך, אַז קיין אַנאַרכיסטן און סאָ־ציאַליסטן האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט אָנשליסן אין אַזוינע „סאָסייעטים". נאָר נויט ברעכט אייזן. דאָס לעבן האָט סוף־כל־סוף געצוואונגען די פּראָגרעסיווע אי־דישע אַרבעטער צו גרינדן אייגענע אונטערשטיצונג־פאַריינען.

די ערשטע צייט האָבן נאָך אַסך סאָציאַליסטן אפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם. זיי האָבן געהאַלטען, אַז מע דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט „אַזוינע קלייניקייטן", וואָס זענען נאָר אַ שטערעניש אין קאַמף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אין יאָר 1892 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער פּראָגרעסיווער אונטערשטיצונג־פאַריין פון סאָציאַליסטן און יוניאָן־לייט, מיטן נאָמען „דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבע־טער אונטערשטיצונג־פאַריין". אין דעמזעלבן יאָר האָבן עט־לעכע קאַפּנמאַכער, גרינבערג, גאָלדרייך און לאַסקער, גע־גרינדעט אַ נייעם אונטערשטיצונג־פאַריין, מיטן נאָמען „אַר־בעטער רינג".

די מיטינגען אין די צוויי פאַריינען זענען געפירט גע־




דער נייער „ברודער” פלעגט זיך פאַרנייגן פאַרן פרעזידענט מיט
זיינע געהילפן: דערנאָך — פאַרן וויצ-פרעזידענט און זיינע
געהילפן; הערנאָך — פאַרן עקס-פרעזידענט, און צום סוף —
פאַר אַלע ברידער פון לאַדזש.

וואָרן ווי די מיטינגען אין אַ יוניאָן. אויסער די געשעפט־לעכע פאַרהאַנדלונגען, פלעגן אויף די מיטינגען רעדן באַוואוסטע סאָציאַליסטן, און מע פלעגט דיסקוטירן פאַרשידענע אַרבעטער־פראַגן.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען אַסך אַרבעטער האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין האַרלעם, האָט דער אַרבעטער רינג דאָרט געגרינדעט אַ באַזונדערן ברענטש. שפּעטער האָט מען אויך אין ברוקלין געגרינדעט עטלעכע אַרבעטער רינג ברענטשעס.

אין יאָר 1900 — עס זענען דעמאָלט שוין געווען צען אַזוינע ברענטשעס — איז אויף אַן אַלגעמיינער קאָנפערענץ פון די ברענטשעס געגרינדעט געוואָרן דער ראַדיקאַלער אָרדן „אַרבעטער רינג".

דער ערשטער סעקרעטער, ב. פייגענבוים, האָט אויף עלדרידזש סטריט געדונגען צוויי צימערן און האָט דאָרט געעפנט אַן אַרבעטער רינג אָפיס.

דער אַרבעטער רינג איז שנעל געוואַקסן. עס האָט נישט גענומען לאַנג און דער אַרבעטער רינג איז געוואָרן דער גרעסטער אידישער אַרבעטער אָרדן אויף דער וועלט.

גלייך אין אָנהייב האָט דער אַרבעטער רינג זיך אָפּגעגעבן מיט קולטור־אַרבעט. ער האָט גענומען פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע אויפקלערונג און בילדונג צווישן אידישע אַרבעטער. דער אַרבעטער רינג האָט געהאָלפן אויפבויען די גרויסע אידישע יוניאָנס און האָט אַלעמאָל געהאָלפן די אַרבעטער אין זייערע סטרייקס.

## דאָס פייער אין דער טרייענגל פאַבריק

איינע פון די שרעקלעכסטע קאַטאַסטראָפעס, וואָס האָט געטראָפן די אידישע אַרבעטער אין ניו יאָרק, איז דאָס טרייענגל־פייער אין יאָר 1911.

עס איז געווען אַרום סוף מערץ, אין אַ שבת פאַרנאַכט. די אַרבעטער האָבן זיך געגרייט שוין צו גיין אַהיים. אַלע טירן אויף דעם ניינטן שטאָק פון דעם בלוזן־שאַפּ זענען אָבער נאָך געווען פאַרמאַכט.

אין יענע צייטן האָט זיך געפירט, אַז נאָכדעם, ווי די אַרבעטער פלעגן אַריינקומען אינדערפרי אין שאַפּ צו דער אַרבעט — פלעגן די באָסעס פאַרשליסן אַלע טירן, עס זאָל חלילה קיין אַרבעטער נישט אַרויסגיין אויף אַ ווייל אינ־מיטן דער אַרבעט.

אַ גאַנצן טאָג זענען די אַרבעטער געווען פאַרשפּאַרט ווי אין אַ שטייג. ערשט אין אָוונט, ווען מע האָט פאַר־ענדיקט די אַרבעט, האָט מען געעפנט אַ טיר אַרויסצולאָזן די אַרבעטער. ביי דער טיר פלעגט שטיין דער פאָרמאַן, אָדער אַן אַנדערער משרת (מעשאָרעס), און האָט יעדן אַרבעטער באַזוכט, צו טראָגט ער חלילה נישט אַרויס עפּעס פון שאַפּ.

אַזוי איז אויך געווען אין דעם טרייענגל שאַפּ.

יענעם שבת פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער, מייסטנס יונגע אימיגראַנטן, האָבן זיך שוין געגרייט צו גיין אַהיים, האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן אין שאַפּ אַ מורא׳דיק פייער. די יונגע אַרבעטער, דאָס רוב מיידלעך, האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די טירן. נאָר די טירן זענען געווען פאַרהאַקט

און פאַרשלאָסן, און ס'איז אפילו נישט געווען ווער עס זאָל זיי אויפשליסן.

און דאָס פייער האָט דערווייל אַלעמען אַרומגעכאַפּט און האָט גענומען שטיקן און ברענען. די יונגע בחורים און מיידלעך האָבן זיך אַ לאָז געטון צו די פענסטער און אסך פון זיי זענען, אין גרויס פאַרצווייפלונג, אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם ניינטן שטאָק און — געהאַרגעט געוואָרן.

די פייערלייט האָבן מיט זייערע לייטערס נישט געקאָנט גרייכן אַזוי הויך. און ביז זיי האָבן אויפגעהאַקט די טירן זענען הונדערט זיבן און פערציק אַרבעטער, מייסטנס יונגע מיידלעך, פאַרברענט געוואָרן אינעווייניק, אָדער זענען געהאַרגעט געוואָרן שפּרינגענדיק דורך די פענסטער.

אויסער די 147 פאַרברענטע און געהאַרגעטע — זע-נען צענדליקער בחורים און מיידלעך צעברענט און פאַר-וואונדעט געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן.

די גרעסטע צאָל פון די 147 יונגע פייער-קרבנות האָט מען מקבר (מעקאַבער) געווען אויף דעם אַרבעטער רינג בית-עולם „מאַונט זייאָן". אויף דעמדאָזיקן קבר שטייט עד-היום אַ מצבה (מאַצייווע), וואָס פאַרנעמט 40 פוס די ברייט, מיט די נעמען פון אַלע אומגעקומענע אין יענעם פייער.

דאָס שרעקלעכע אומגליק האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַ שווערן פיינלעכן איינדרוק. די לעדזשיסלייטשור פון שטאָט ניו יאָרק האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אונטערזוכן די אורזאַכן פון דעם פייער, און אַז די קאָמי-סיע זאָל זען, אַלע שעפּער זאָלן זיין אַזוי איינגעאָרדנט, אַז אַזאַ אומגליק זאָל מער נישט קענען טרעפן און אַז דאָס לעבן פון די אַרבעטער זאָל זיין אָפּגעהיט און געזי-כערט.

סע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די מערסטע שעפּער זענען נישטאָ קיין פייער־טרעפּ; נישט גענוג טירן אַרויס־צוגיין אין פאַל פון אַ פייער; די טירן זענען מייסטנס פאַרשטעלט און פאַרשפּאַרט; די טרעפּ זענען שמאָלע און הילצערנע; די קאָרידאָרן זענען פאַרלייגט מיט קאַסטנס און מיט שמאַטעס.

צוויי יאָר האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג. אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דער קאָמיסיע האָט די לעדזשיסלייטשור סוף־כל־סוף אָנגענומען געזעצן, וואָס פאַרהיטען, אַז אַזאַ אומ־גליק ווי דאָס טרייענגעל־פייער זאָל מער נישט קאָנען טרעפן.

יעדער שאַפּ מוז האָבן גענוג טירן דורך וועלכע אַר־בעטער זאָלן זיך קענען ראַטעווען אין פאַל פון אַ פייער; די טירן טאָרן נישט זיין פאַרשלאָסן, בעת די אַרבעטער זענען אין שאַפּ; סע מוזען זיין גענוג אייזערנע פייער־טרעפּ (פייער־עסקייפּס); דער אָפּפאַל פון אַלערליי סחורות מוז צווייטמאָל אין טאָג אויסגעראַמט ווערן פון שאַפּ. עס זענען דעמאָלט אָנגענומען געוואָרן נאָך אַנדערע געזעצן, וואָס פאַרהיטן דאָס געזונט און דאָס לעבן פון דעם אַר־בעטער.

מע האָט אויך אָנגענומען אַ וויכטיק געזעץ, אַז אַן אַר־בעטער דאַרף נישט קויפן קיין מאַשין און געצייג, וואָס ער נוצט אין שאַפּ ביי דער אַרבעט. ביז דעמאָלט האָט יע־דער אַרבעטער געמוזט ברענגען צו דער אַרבעט זיין איי־גענע מאַשין אין שאַפּ. אין די גאַסן האָט מען אין יענע ציטן געקאָנט זען אַרבעטער, איינגעבויגענע אין דרייען, טראָגנדיק מיט זיך די ניי־מאַשינען, אָדער אַנדערע מאַ־שינען, אויף זייערע פּלייצעס.

די געזעצן, וואָס זענען אַריין אין קראַפט אין יאָר 1913,

האָבן ענדלעך געמאַכט אַ סוף צו די שמוציקע, פינסטערע שוויצשעפּער אין די אַלטע טענעמענט־הייזער. ביסלעכ־וויז זענען די פייער־פּאַסטקעס אויסגעראָטן געוואָרן. מע האָט אָנגעהויבן בויען ליכטיקע און לופטיקע שעפּער און פאַבריקן, וואו דער אַרבעטער האָט מער נישט געדאַרפט אויסשטיין אַזויפיל אומגליקן און קראַנקהייטן, ווי אין די שוויצשעפּער.



# די ערשטע אידישע אַרבעטער פּאָעטן און שרייבער

אַ גרויסן פּלאַץ אין די אידישע אַרבעטער-צייטונגען אויף ביידע זייטן ים האָט, אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן, פאַרנומען דאָס ליד, וואָס האָט געוועקט און דער־מוטיקט דעם אַרבעטער צום קאַמף.

אַפילו די פּראָקלאַמאַציעס און פּאַמפלעטן, וואָס די סאָ־ציאַליסטן און אַנאַרכיסטן פלעגן פון צייט-צו-צייט אַרויס־געבן, זענען אַלעמאָל געווען באַצירט מיט אַן אַרבעטער־ליד.

אַז סע פלעגט אָנקומען אַ נומער פון דער לאָנדאָנער צייטונג „דער פּוילישער אידל״, די ערשטע אידישע סאָ־ציאַליסטישע צייטונג, וואָס מאָרים ווינטשעווסקי האָט רע־דאַקטירט, האָט מען זיך צום ערשטן געכאַפּט צו ווינטשעווו־סקים רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-לידער.

די לידער זענען ביי אַלעמען געווען אַזוי טייער, אַז טייל אַרבעטער פלעגן זיי אויסשניידן און אַרומטראָגן ביי זיך אין קעשענע, ביז דאָס פּאַפּיר איז צעריבן געוואָרן.

אין לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד״, וואָס האָט אָנגע־הויבן אַרויסגיין אין יאָר 1884, איז כמעט אין יעדן נומער געווען ווינטשעווסקים אַ ליד, און שפּעטער — אויך פון מאָרים ראָזענפעלדן.

יעדעס נייע ליד איז ביי אַלעמען געווען אַן אמתער יום־טוב. אויף די סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע-מיטינגען האָט מען אַלעמאָל דעקלאַמירט פאַר דעם עולם ווינטשעווסקים און ראָזענפעלדס לידער. אסך אַרבעטער האָבן געלערנט די

לידער אויף אויסנווייניק, און זיי זענען געוואָרן גאַנצע דעקלאַמאַטאָרס.

מאָרים ראָזענפעלדס ליד „דער מאַשינער" (דער אַפּע־רייטער) איז אַלעמען אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז די חברים האָבן עס געלערנט אויף אויסווייניק. מע האָט דאָס ליד אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן אויף יעדער פאַרזאַמלונג.

אין יאָר 1886, עס איז שוין געווען סוף זומער, איז מאָ־רים ראָזענפעלד געקומען פון לאָנדאָן קיין ניו יארק. עט־לעכע טעג שפּעטער איז ער, אין אַן אָוונט, געקומען אין דער רעדאַקציע פון דער אידישער „פאָלקס־צייטונג".

ראָזענפעלד איז געווען אַ שניידער, און ער האָט אין ניו יארק גלייך געקראָגן ארבעט.

ווען ראָזענפעלד איז אַריינגעקומען אין דער רעדאַקציע — איז זיין פּנים געווען פאַרשמירט. מע האָט דערקענט, אַז ער קומט פון דער אַרבעט.

דער רעדאַקטאָר איז גראָד נישט געווען. ראָזענפעלד איז אָבער גלייך געוואָרן היימיש מיט דעם עולם, וואָס איז געווען אין דער רעדאַקציע, האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל לידער און אָנגעהויבן לייענען. ער האָט געלייענט מיט באַגייסטערונג, און אַלע צוהערער זענען געווען אַנטציקט פון זיינע לידער.

דער עולם האָט ראָזענפעלדן שוין נישט אָפּגעלאָזט. מע האָט אים אָוועקגעפירט אין ליטעראַרישן קאַפּיי, און אים פאַרגעשטעלט פאַרן עולם. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט אים. מען איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל עפּעס פאַר־לייענען. ראָזענפעלד האָט זיך נישט געלאָזט קיין סך בעטן, און ער האָט פאַרגעלייענט זיין ליד „דער סוועט שאַפּ" און אַסך אַנדערע לידער.

מאָרים ראָזענפעלד איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין

דער „פאָלק-צייטונג", און דערנאָך — אין דער אַנאַרכיסטישער צייטונג „וואַרהייט", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1888. פאַר זיינע לידער האָט אָבער ראָזענפעלד נישט באַקומען קיין האָנאָראַר. ער האָט געמוזט אַרבעטן אין שאָפּ צו פאַרדינען זיך זיין שטיקל ברויט.

שפּעטער איז ראָזענפעלד געוואָרן דער אָפיציעלער פּאָעט פון דער „אַרבעטער צייטונג". אין יעדן נומער איז געווען געדרוקט זיינס אַ ליד. ראָזענפעלד האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט זיינע בעסטע אַרבעטער-לידער, וואָס מע האָט שפּעטער געזונגען אין די שאָפּער, אין די טענעמענט-הייזער, און אויף אַלע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער.

ראָזענפעלד איז אויך געווען אַ וואונדערבאַרער דעקלאַמאַטאָר. מע האָט אים אָנגעהויבן לאַדן אויף פאַרזאַמלונגען, ער זאָל אַליין דעקלאַמירן. זיין נאָמען איז גיך געוואָרן באַרימט. מע האָט אים אָפט אַנגאַזשירט צו קומען אויך אין אַסך אַנדערע שטעט איבערן לאַנד.

ראָזענפעלד האָט אויפגעגעבן די אַרבעט אין שאָפּ. סע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וועט קאָנען „מאַכן אַ לעבן" פון די אונטערנעמונגען. נאָר ס'איז אַוועק אַ שטיקל צייט און — ראָזענפעלד האָט זיך געמוזט אומקערן אַרבעטן אין אַ שאָפּ.

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט די שניידער יוניאָן אויסגעקליבן ראָזענפעלדן פאַר אַ געשעפט-אַגענט (וואָקינג דעלעגאַט). נאָר ראָזענפעלדן איז די אַרבעט נישט געווען צום האַרצן, און ער האָט די באַשעפטיקונג אין קורצן אויפגעגעבן.

אין איין צייט מיט ראָזענפעלדן האָט זיך באַוויזן אין דער אַרבעטער-פּרעסע דוד עדעלשטאַדט. דאָס איז געווען אַ זעלטענע פערזענלעכקייט.

עדעלשטאַדט איז געווען אַן אַנאַרכיסט. ער איז געווען באַליבט און געאַכט צווישן אַלע אַרבעטער-קלאַסן. זיינע רעוואָלוציאָנערע לידער האָבן ארויסגערופן די גרעסטע באַגייסטערונג צווישן אַרבעטער. אויף אַלע פאַרזאַמלונגען האָט מען געזונגען זיין באַרימט ליד:

„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט;
און אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס מיר ליבן
דאָס אָרימע שמאַכטנדע פאָלק".

עדעלשטאַדט האָט געשריבן אין דער אַנאַרכיסטישער צייטונג „וואַרהייט". אין יעדן נומער איז געווען געדרוקט זיינס אַ ליד. אַ קורצע צייט איז ער אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט".

דוד עדעלשטאַדט האָט געליטן פון דער „פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט", פון שווינדזוכט. מע האָט אים אוועקגעשיקט קיין דענווער, קאָלאָראַדאָ, צו קורירן זיך. דאָרטן איז ער אין אַ קורצער צייט אָרום געשטאָרבן.

אין יענער צייט איז אין ניו יאָרק געווען נאָך אַ גרויסער אַרבעטער-דיכטער — יוסף באָוושאָווער. באָוושאָווער האָט געשריבן אין אַלע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע צייטונגען. אויך זיינע לידער זענען געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער-מאַסן. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען אַלעמאָל דעקלאַמירט באָוושאָווערס ליד „צום פאָלק":

„הייב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי עלנט און אָרים;
הייב אויף דיינע אויגן צו מזרח, צו מערב, צו צפון, צו דרום;

**און זע די באַהאַלטענע אוצרות, און זע פון דיין אַרבעט**
**די פּירות,**
**און זע דאָס געבליבענע רייכטום פון פריער געוועזענע**
**דורות.**
**הייב אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע**
**פאַבריקן,**
**וואו אַרבעטער זעגן און הובלען און וועבן און נייען און**
**שטריקן;**
**און שמידן, און פיילן, און טאָקן, און שניצן, און גלעטן,**
**און פּוצן,**
**און שאַפן די וואַרע, און שאַפן דאָס רייכטום צום מענשלעכן**
**נוצן".**

אויך באָוושאָווער איז פאַר דער צייט פאַרלוירן גע־גאַנגען פאַר דער ליטעראַטור. ער איז אַרונטער פון זינען. מע האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ משוגעים־אַנשטאַלט, וואו ער איז פאַרבליבן ביז זיין טויט.

אויסער די פיר גרויסע אַרבעטער־דיכטער: מאָריס ווינ־טשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַדט און יוסף באָוושאָווער — זענען דעמאָלט געווען צוויי אינגערע פּאָ־עטן: נייטען לעמפּערט און נ. באַבאַד. אויך זייערע לידער האָט מען דעקלאַמירט און געזונגען אויף די פאַרזאַמלונ־גען פון אַרבעטער.

אין דער „אַרבעטער צייטונג" האָט מען אויך פון צייט צו־צייט באַגעגנט לידער פון י. ל. פּרץ, און שפּעטער — אויך די לידער פון א. ליעסין.

נאָך איידער ליעסין איז געקומען קיין אַמעריקע — איז זיין נאָמען שוין געווען באַקאַנט צווישן די אַרבעטער. זיינע לידער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער „אַרבעטער צייטונג", זענען געווען פּאָפּולער צווישן די מאַסן, און מע

האָט זיי דעקלאַמירט און געזונגען אויף עפענטלעכע פאַר־זאַמלונגען.

ווען ליעסין איז געקומען קיין אַמעריקע האָט ער אויך גענומען ווירקן אויף די אידישע לייענער מיט זיינע פייער־דיקע אַרטיקלען אין דער אַרבעטער פּרעסע. זיינע אייגנ־אַרטיקע אַרטיקלען וועגן סאָציאַלע און פּאָליטישע געשע־ענישן האָבן דערהויבן די אידישע פּובליציסטיק צו זייער אַ הויכער מדרגה.

אין 1912 איז ליעסין געוואָרן דער רעדאַקטער פון דעם גרעסטן אידישן חודש־זשורנאַל „די צוקונפט". אין דער „צוקונפט", וואָס איז געוואָרן די וויכטיקסטע טריבונע פאַר דעם געלייטערטן אידישן וואָרט, באַטייליקן זיך די בעסטע שרייבער און דיכטער פוןביידע זייטן ים. ליעסין אַליין האָט אין דער „צוקונפט" פאַרעפנטלעכט הונדערטער לידער און אַרטיקלען.

---

די דעקלאַמאַציעס און לידער אין יענער צייט האָבן שטאַרק דערמוטיקט די מאַסן צום קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען אין לעבן, און האָבן אַסך געהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

---

אַ גרויסע ראָלע אין דער אויפקלערונג פון די אַרבעטער — האָבן אויך געשפּילט די סקיצן און דערציילונגען, וואָס פלעגן זיך אין יענער צייט דרוקן אין דער אַרבעטער־פּרעסע.

דער ערשטער וויכטיקסטער שרייבער פון קורצע דער־ציילונגען אין אידיש איז געווען יעקב גאָרדין, וואָס איז געקומען קיין ניו יאָרק אין יאָר 1892. אין דער אַלטער היים האָט זיך גאָרדין באַטייליקט אין דער רוסישער פּרעסע פון אָדעס. ווען גאָרדין איז געקומען קיין ניו יאָרק, האָט ער

אָנגעהויבן שרייבן אויף אידיש, און איז אינגיכן געוואָרן א מיטאַרבעטער אין דער אידישער אַרבעטער־פּרעסע.

אין אַ הייסן זומער זונטיק־פרימאָרגן איז גאָרדין געקומען אין דער רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער צייטונג". אַלע מיטאַרבעטער זענען גראדע דעמאָלט געווען אין אָפּיס.

גאָרדין מיט זיין שטאָלצער האַלטונג און מיט זיין שיינעם אויסזען — ער איז געווען אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצער באָרד און מיט קלוגע אויגן — האָט אויף אַלעמען געמאַכט זייער אַן אַנגענעמען איינדרוק.

נאָכדעם ווי מע האָט זיך באַקענט, האָט קראַנץ געבעטן גאָרדינען, ער זאָל עפּעס פאָרלייענען פון די מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פאַר דער צייטונג. גאָרדין האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, און האָט פאָרגעלייענט אַ דערציילונג. אַלע האָבן זיך צוגעהערט געשפּאַנט. און ווען ער האָט פאַרענדיקט — זענען נאָך אַלע געזעסן פאַרגאַפט אונטער דעם איינדרוק פון דער שיינער דערציילונג.

גאָרדין איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון דער „אַרבעטער צייטונג". אין אַ קורצער צייט אַרום האָט גאָרדין אָנגעשריבן אַ דראַמע „סיביריע", וואָס יעקב אַדלער האָט אויפגעפירט מיט גרויס ערפאָלג.

גאָרדין האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ דראַמע נאָך אַ דראַמע. אַלע טעאַטערס האָבן זיך געיאָגט אויפצופירן גאָרדינס אַ דראַמע. סע האָט נישט גענומען לאַנג און גאָרדין איז באַרימט געוואָרן פאַר דעם בעסטן אידישן דראַמאַטורג.

מיט זיינע סקיצן און דערציילונגען האָט גאָרדין אַסך בייגעטראָגן צו דער אויפקלערונג פון די אידישע מאַסן, און מיט זיינע דראַמעס האָט ער רעוואָלוציאָניזירט און דערהויבן דאָס אידישע טעאַטער צו אַ העכערער מדרגה.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי גאַרדין איז געוואָרן אַ מיט־אַרבעטער אין דער „אַרבעטער צייטונג", האָט זיך דאָרט באַוויזן נאָך אַ טאַלאַנט — ז. ליבין. קאַהאַן איז שוין דעמאָלט געווען דער רעדאַקטער פון דער צייטונג, און איך פלעג אַרויסהעלפן און טאָן „שוואַרצע" אַרבעט. איך פלעג לייענען פאַר קאַהאַנען די צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטן און צונויפשטעלן דעם בריווקאַסטן.

איינמאָל זיצן מיר אַזוי שפּעט ביינאַכט אין דער רעדאַקציע און קוקן איבער מאַנוסקריפּטן. קאַהאַן האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז שלעכט־געשריבענע מאַנוסקריפּטן זאָל איך אפילו נישט לייענען. „לייענט נאָר די, וואָס איר זעט גלייך פון אָנהייב, אַז זיי האָבן עפּעס אַ זין".

שלעפּ איך אַזוי יענעם אָוונט די מאַנוסקריפּטן פון זאַק און — לייען. איך לייען און וואַרף איין מאַנוסקריפּט נאָכן צווייטן אין פּאַפּיר־קאַרב. דאָ קומט מיר אין האַנט אַריין אַ מאַנוסקריפּט מיט עפּעס אַ שרעקלעכער האַנטשריפט. מיך פאַראינטערעסירט אָבער אויף טשיקאַווע צו זען וואָס אַ מענטש מיט אַזאַ האַנטשריפט שרייבט.

איך הייב אָן לייענען, מיר קומט אָן שווער דורכצוקריכן אַ זאַץ. נאָר איך לייען. איך בין פאַראינטערעסירט. איך לייען און — מיר געפעלט וואָס ווייטער אַלץ מער און מער.

— איך האָב געפונען — זאָג איך צו קאַהאַנען, — אָט הערט אַ סקיצע.

— לייענט, — זאָגט קאַהאַן.

איך לייען די קאַטשערעס מיט די לאַפּעטעס, און קאַהאַן הערט זיך אויפמערקזאַם צו. אַז איך ענדיק — שרייט קאַהאַן אויס:

— אויסגעצייכנט! ווער איז אונטערגעשריבן?

— ז. ליבין.

— גוט. שרייבט אַריין אין בריווקאַסטן: „ז. ליבין, קומט אַריין אין רעדאַקציע וועגן אייער סקיצע״.

נאָכדעם זאָגט קאַהאַן:

— איר ווייסט, מיר געפעלט נישט שטאַרק דער סוף פון דער סקיצע. איך וויל מיך דורכריידן מיט דעם שרייבער וועגן דעם. די שלעכטע האַנטשריפט — איז אַ קלייניקייט. סע טרעפט אָפט, אַז אַ גוטער שרייבער האָט אַ שלעכטע האַנטשריפט.

אויפן אַנדערן טאָג קומט צו גיין אין דער רעדאַקציע אַ יונגערמאַן און פרעגט זיך נאָך ווען ער קאָן זען דעם רעדאַקטאָר. איך ענטפער אים, אַז איך ווייס נישט, וואָרן איך האָב געמיינט, אַז ער איז איינער פון די, וואָס קומען אָפט דערקוטשען דעם רעדאַקטאָר סתם אַזוי. דער יונגער־מאַן נעמט אָבער אַרויס פון קעשענע אַ צייטונג און ווייזט מיר, אַז מע רופט אים צו קומען אין רעדאַקציע.

— אַזוי גאָר, איר זייט דאָס דער ז. ליבין? טאָ קומט אַריין צום רעדאַקטאָר. — און איך נעם אים אָן און פיר אים אַריין צו קאַהאַנען.

פון דעמאָלט אָן איז אויך ליבין געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צייטונג.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז צוגעקומען נאָך אַ שריי־בער — לעאָן קאָברין. אויך זיינע סקיצן האָבן שטאַרק אויסגענומען און געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן עולם.

ליבין און קאָברין האָבן שפּעטער אויך געשריבן אַסך דראַמעס פאַרן אידישן טעאַטער.

זינט יענער צייט איז אויסגעוואקסן אַ רייכע, פאַר־
צווייגטע און אייגנאַרטיקע אידישע ליטעראַטור אין אַמע־
ריקע. עס זענען כּסדר צוגעקומען נייע גרויסע דיכטער און
דערציילער און דראַמאַטורגען, וואָס זייערע ווערק האָבן
געהאַט און האָבן אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויף דער אַנט־
וויקלונג פון די אידישע מאַסן אין אַמעריקע.



# די אידישע יוניאָנס

דאָס קאַפּיטל איז אַרויסגענומען פון מאָרים הילקוויט׳ס בוך „געשיכטע פון אַ טעטיקן לעבן״, אין דער אידישער איבערזעצונג פון ל. קרישטאַל.

# די אידישע יוניאָנס

מיר האָבן ליב געהאַט זיך צו פאַרזאַמלען ניט נאָר אויף די דעכער, נאָר אויך אין די רעסטאָראַנדלעך פון דער איסט סאַיד. דאָרט — באַזונדערס אין די לאַנגע ווינ־טער־נעכט — האָבן מיר פאַרבראַכט פיל שטונדן, רעדנ־דיק און זופנדיק צוביסלעך שוואַכע טיי, וואָס איז סער־ווירט געוואָרן אין גלעזער אויפן רוסישן שטייגער. אַ גלאָז טיי און אַ געפלאָכטענער קאָפּע־קעיק פון גאַנץ היבשער גרויס איז געוויינטלעך געווען אַלץ, וואָס אַ גאַסט האָט באַ־שטעלט. דער פרייז איז געווען 5 סענט פאַר יעדען „גע־ריכט" — 5 סענט פאַר דער טיי, און 5 סענט פאַר דעם קאָפּע־קעיק.

איך האָב זיך אָפטמאָל גע'חידוש'ט ווי אַזוי די אייגנ־טימער פון אַזעלכע פלעצער זענען אויסגעקומען מיט אַזוינע מאָגערע איינּנאַמעס. און איך דענק, אַז די אייגנטי־מער אַליין האָבן זיך גע'חידוש'ט נאָך מער ווי איך. נאָר זיי האָבן זיך ווי עס איז דורכגעשטופּט. אייניקע פון זיי זיינען געווען פון דעמזעלבן טיפּ מענש, ווי זייערע געסט און ס'איז ביי זיי געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די רעס־טאָראַנדלעך זאָלן עקזיסטירן ניט אַזוי צוליבן טרינקען אָדער עסן, ווי צוליב די דיסקוסיעס.

און דיסקוסיעס זענען אָנגעפירט געוואָרן אָן אַ ברעג. אָבער דאָס בלויזע הערן זיך רעדן האָט ניט לאַנג געקענט

שטילן דעם דורשט נאָך טעטיקייט, וואָס די באַגייסטערטע יונגע סאָציאַליסטן האָבן געפילט אין זיך. זיי האָבן גע־נומען זוכן אַ גינסטיקן באָדן פאַר פּראַקטישער אַרבעט און זיי האָבן אים געפונען טאַקע צווישן זייערע אייגענע לאַנדסלייט.

אַרום דעם יאָר 1890 האָט מען געשאַצט אונזערע אי־מיגראַנטן אַלס ניט־ווינציקער ווי אַ האַלבער מיליאָן. אין ניו יאָרק האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם גרעסטן אידישן ישוב אין דער וועלט — דעם גרעסטן ישוב און אויך דעם געדיכטסטן און אָרימסטן.

אין פאַרלויף פון צוויי טויזנט יאָר וואַנדערן צווישן די פעלקער פון אַפריקע, אייראָפּע און אַזיע, אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג, איז דאָס אידישע פאָלק ביז אַ זייער גרויסער מאָס אויסגעשלאָסן געוואָרן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט און איז געוואָרן אַ פאָלק פון הענדלער און געלט־לייער. אין אַמעריקע איז פון זיי צום ערשטן מאָל אויפגעקומען אַ פעסטער אַרבעטער־עולם.

אין דעם אָנהויב פון דער אימיגראַציע האָבן אַ סך פון זיי זיך גענומען צו דער נידעריקסטער פאָרם פון האַנדל, צו פעדלעריי. נאָר די דאָזיקע באַשעפטיקונג האָט ניט גע־טויגט אַלס פּרנסה, ווען זייער צאָל איז געשטיגן ביז אין די הונדערטער טויזנטער. זיי זענען געווען געצוואונגען צו זוכן באַשעפטיקונג אַלס אַרבעטער.

מיר האָבן באַשלאָסן צו נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון פאַרבעסערן דאָס לעבן פון אונזערע האָרעפּאַשנע לאַנדס־לייט, זיי צו בילדן אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן פאַרשטיין, אַז זיי האָבן אויך רעכט פון מענשן, זיי צו אָרגאַניזירן פאַר אַ ווידערשטאַנד קעגן זייערע עקספּלואַטאַטאָרס און צו גע־ווינען פאַר זיי מענשלעכע באַדינגונגען פון לעבן און אַרבעט.

ס'איז געווען אַן אויפגאַבע פול מיט אומגעהייערע שוועריקייטן. עס זענען שוין פריער געמאַכט געוואָרן עט־לעכע פּאַרזוכן צו אָרגאַניזירן די אידישע אַרבעטער פון ניו יאָרק, און די פּאַרזוכן זענען דורכגעפאַלן.

ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס מיר האָבן ניט געקענט זייער שפּראַך — אין אַ דאָפּלטן זין. אי זיי האָבן אונז ניט פאַרשטאַנען, ווייל אונזערע געדאַנקען זענען זיי געווען ווילד־פרעמד, אי מיר האָבן גאַנץ איינפאַך ניט גע־קענט זייער לשון. אונזער שפּראַך איז געווען רוסיש. די אַרבעטער האָבן גערעדט אידיש.

מיר האָבן זיך אַלע גענומען פאַרפאָלקאָמענען אונזער אידיש. די פון אונז, וואָס האָבן געקאָנט דייטש, איז עס אָנגעקומען עטוואָס גרינגער, ווי די, וואָס האָבן גערעדט בלויז רוסיש און האָבן געמוזט האָרעווען איבער יעדן אי־דישן וואָרט און איבער יעדן אידישן אויסדרוק.

די נעקסטע אויפגאַבע איז געווען צו קומען אין באַ־רירונג מיט די אַרבעטער. דאָס האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ זייער שווערער ענין. זייער צאָל איז געווען אומ־געהייער גרויס, און זיי זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט.

עס וואָלט געווען גענומען צענדליקער יאָרן צו בויען אַ אידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון אונטן אַרויף: בילדן איינצלנע אַרבעטער, זיי אָרגאַניזירן אין טרעיד־גרופּעס און ערשט דאַן זיי פאַראייניקן אין איין געמיינשאַפטלעכער קערפּערשאַפט. מיר זענען געווען געצוואונגען איבערצו־קערן דעם לאָגישן פּראָצעס און פּרובירן בויען פון אויבן אַראָפּ.

אין חודש אָקטאָבער פון יאָר 1888 האָבן מיר גע־גרינדעט די „פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן". דאָס איז געווען אַ צענטראַלע אַרבעטער קערפּערשאַפט אָן אַנ־

געשלאָסענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — ניט מער ווי אַ שאָלעכץ, אין וועלכער מיר האָבן געהאַפּט מיט דער צייט צו אַנטוויקלען אַ שטאַרקן קערנדל. דער גאַנצער איינ־פאַל איז געקומען פון די אידישע מיטגלידער פון דער אַרבעטער פאַרטיי (סאָשעליסט לעיבאָר פּאַרטי), וועלכע איז דאַן געווען די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמערי־קאַנער סאָציאַליזם.

די פּאַרטיי האָט געהאַט צוויי אידישע אָפּטיילונגען, אָדער „סעקציעס", אין ניו יאָרק. איין אָפּטיילונג איז באַ־שטאַנען פון „אידיש־שפּרעכנדע" מיטגלידער, און די צוויי־טע איז באַשטאַנען פון מיטגלידער, וואָס האָבן גערעדט רוסיש.

די אויפגאַבע צו זען, אַז די געפּלאַנטע אָרגאַניזאַציע זאָל אָנהויבן צו אַרבעטן, איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו אַ געמיינשאַפטלעכן קאָמיטעט פון די צוויי סעקציעס — יעדע פון זיי האָט ערוויילט צוויי פאַרטרעטער. די אידיש־שפּרעכנדע סעקציע איז געווען פאַרטראָטן אין דעם קאָ־מיטעט דורך י. מאַגידאָוו און ב. וויינשטיין.

די „רוסישע סעקציע" האָבן אין דעם קאָמיטעט פאַר־טראָטן לעאָ באַנדעס און איך.

דער אָרגאַניזאַציאָנס־מיטינג פון די „פאַראייניקטע אי־דישע געווערקשאַפטן" איז פאָרגעקומען אין 25 איסט 4טע סטריט, וואו ס'איז אויך געווען די הויפּט־קוואַרטיר פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי און דער מיטינג־פּלאַץ פון די „פאַראייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן". דאָס ניי־געבוירענע קינד אין דער פאַמיליע פון אָרגאַניזירטע אַר־בעטער האָט מען אַ נאָמען געגעבן לויט'ן דייטשן מוסטער.

די „פאַראייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן" איז געווען

אַ מעכטיקע קערפּערשאַפט אין יענער צייט. ס'איז געווען אַ פעדעראַציע פון יוניאָנס, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון דייטשע אַרבעטער און וועלכע האָבן פאַקטיש קאָנטראָלירט אַ גאַנצע רייע וויכטיקע אינדוסטריען אין ניו יאָרק. אין אָנפאַנג איז די „פאַראייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן" געשאַפן געוואָרן צו שטיצן די דייטשע אַרבעטער־פּרעסע, אָבער באַלד האָט די קערפּערשאַפט אויסגעברייטערט איר טעטיקייט און געטאָן די אַרבעט, וועלכע צענטראַלע אַרבעטער־קערפּערשאַפטן טוען געוויינלעך אין גרויסע שטעט. ס'איז געווען אַ פאָרטגעשריטענע אָרגאַניזאַציע און האָט געאַרבעט האַנט־אין־האַנט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די „פאַראייניקטע דייטשע געווערקשאַפטן" האָט געהאָלפן שאַפן דעם אינגערן אידישן ברודער דורך פּראַקטישע עצות און האָט געגעבן די גרויסע סומע פון צען דאָלער אַלס ביישטייערונג צו זיין קאַמפּס־פאָנד.

ב. וויינשטיין און איך האָבן טיכטיק און געניו נאָכגעזוכט צו געפינען די רעשטלעך און ברעקלעך פון אַ אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ניו יאָרק, איידער מיר האָבן גערופן דעם אָרגאַניזאַציאָנס־מיטינג. מיר האָבן געוואוסט, אַז אין פאַרשיידענע צייטן זיינען געווען יוניאָנס פון שוירטמאַכער, קלאָוקס־אָפּערייטאָרס און בעקער־אַרבעטער. מיר האָבן געמיינט, אַז זיי זענען אין הינערפּלעט. מיר האָבן זיי געפונען טויט.

די איינציקע אידישע יוניאָנס, וועלכע האָבן געוויזן אייניקע סמנים פון לעבן, זענען געווען די אידישע שריפטזעצער יוניאָן און די יוניאָן פון כאָריסטן. די שריפטזעצער יוניאָן איז אינגאַנצן געווען אַ פּאָר חדשים אַלט. זי איז

באַשטאַנען פון באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין די ציַיטונגען, וועלכע האָבן זיך אַליין געמאַטערט, און אין די דרוקעריַיען פון דער איסט־סאַיד.

די כאָריסטן־יוניאָן איז געווען אַ מאָדנע דערשיַינונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אירע מיטגלידער האָבן געזונגען אין די כאָרן פון די צוויי אידישע טעאַטערס, וואָס האָבן דעמאָלט געשפּילט אין ניו יאָרק. בייטאָג האָבן זיי געאַרבעט ביי אַנדערע פאַכן — די מענער מייסטנס אַלס ציגאַרן־מאַכער, און די פרויען אַלס שניַידערינס. די אַר־בעט ביי די פּראָבן און ביי די פאָרשטעלונגען אין די אָוונטן איז געווען זייער אַ שווערע, און דאָס געהאַלט איז געווען פון דריי ביז פיר דאָלער אַ וואָך. ס'איז גיט געווען אַזוי פיל די שווערע אַרבעט און די קליינע פאַר־דינסטן, ווי די ברוטאַלע באַנעמונג פון די פאַרוואַלטער, וואָס האָט זיי געטריבן צו זוכן שוץ אין אַן אָרגאַניזאַציע.

ביידע יוניאָנס צוזאַמען האָבן געהאַט די ריזיקע צאָל פון 40 מיטגלידער. דאָס איז געווען דער באַשיידענער אָנ־פאַנג פון אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין די שפּעטער־דיקע יאָרן געהאַט אַ פערטל מיליאָן אַרבעטער אַלס מיט־גלידער אין די יוניאָנס, פון וועלכע זי איז צוזאַמענגע־שטעלט.

דער מאָגערער אָנפאַנג האָט אונז ניט אַנטמוטיקט, און מיר זענען צוגעטראָטן אָפיציעל צו אָרגאַניזירן די פאַר־איַיניקטע אידישע געווערקשאַפטן, מיט ב. וויַינשטיין אַלס פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר און מיט מיר אין דעם עטוואָס אומ־באַשטימטן אַמט אַלס קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר.

דער דריי־פאַכער ציל פון דער אָרגאַניזאַציע איז אויסגעדריקט געוואָרן ווי פאָלגט: 1) קעגנזיַיטיקע הילף

און קאָאָפּעראַציע צווישן די אידישע פאַך־יוניאָנס אין ניו יאָרק; 2) אָרגאַניזירן נייע יוניאָנס; 3) אָנפירן צווישן די אידישע ארבעטער פּראָפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַליזם.

א שפּאַסיקן ביישפּיל פון דער ארבעט, וואָס האָט אונז ערוואַרט, האָבן מיר געהאַט גלייך ביים ערשטן מי־טינג פון דער ניי־אָרגאַניזירטער קערפּערשאַפט. א ווײַלע פאַרן שליסן דעם מיטינג איז א דעלעגאַציע פון אַן אַקטיאָרן־יוניאָן דערשינען און האָט פאַרלאַנגט אריינגענומען צו ווערן אין די געווערקשאַפטן.

די אידישע טעאַטערס פון ניו יאָרק זענען נאָך דאַן געלעגן אין די ווינדעלעך און האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. די מיטגלידער פון די טרופּעס האָבן ניט באַקומען קיין געהאַלט, נאָר „מאַרקעס" אָדער חלקים. די גרעסטע „מאַרקעס", אָדער טיילן, האָבן באַקומען די עטלעכע סטאַרס, אין דער צייט וואָס די קלע־נערע אַקטיאָרן האָבן זיך געוויינלעך געמוזט צופרידנשטעלן מיט מאָראַלער און קינסטלערישער באַלוינונג. דער קלאַסן־קאַמף אין דעם פאַל איז געווען צווישן די קלענערע ראָלן און די הויפּט־ראָליסטן. די „פּלאַטיטשקעס" האָבן דאָס געגרינדעט א יוניאָן געגן די „העכט". דער ריכטיקער אָרגאַניזאַציאָנס־מיטינג פון דער נייער יוניאָן האָט געדאַרפט פאָרקומען אין א פּאָר טעג אַרום און פון אונז האָט מען פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן שיקן א רעדנער, וועלכער זאָל באַקענען דעם נייעם מין אַרבעטער מיט די פירונגען פון טרעיד־יוניאָניזם.

נאַטירלעך זענען מיר גרייט געווען צו דינען, אָבער דער פאָרשטייער פון טעאַטראַלישן פּראָלעטאַריאַט האָט

ניט פאַרפעלט צוצוגעבן געהעריקע באַדינגונגען צו זיין איינלאַדונג.

„אַקטיאָרן, — האָט ער אונז דערקלערט, — זענען נאָך אַלעמען דאָך קינסטלער, און מ'קען ניט דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן אויפקלערן אויף דעם גראָבן און פּראָסטן מאַמע־לשון אידיש. אונזער רעדנער וועט דאַרפן זיי אַד־רעסירן אין דייטש, וועלכע איז די שפּראַך פון פּאָעטן און דענקער".

אַלע אויגן האָבן זיך געווענדעט צו מיר. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, און דער טייל פונם פּראָבלעם האָט געשיינט צו זיין געלייזט. אָבער ניט אַזוי לייכט איז עס צוגעגאַנגען מיט דער נעקסטער באַדינגונג פון אונזער טעאַטראַלישן גענאָסע.

„אום צו געווינען די אויפמערקזאַמקייט און רעספּעקט פון דער פאַרזאַמלונג, — האָט ער אונז קאַטעגאָריש גע־געבן צו פאַרשטיין, — מוז דער רעדנער קומען אָנגעטאָן אין אַ פראַק און אין אַ צילינדער־הוט".

ווידער האָבן זיך אַלע אויגן געווענדעט צו מיר. אָבער דאָס מאָל שוין ניט מיט זיכערקייט, נאָר מיט פאַרוואונ־דערונג, וואָס איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלעכ־טער. איך בין געווען 19 יאָר אַלט און האָב אויסגעזען נאָך אינגער. פראַקן און צילינדערס זענען ניט געווען אַ טייל פון מיין קליידונג און מ'האָט זיי קיינמאָל, פאַרשטייט זיך, ניט געזען אויף קיינעם ביי אונזערע פאַרזאַמלונגען.

דאָ האָבן מיר צום ערשטן מאָל געפילט דעם טעם פון פראַקטישער יוניאָן פּאָליטיק און — מיר האָבן זיך איינ־פּאַך אָפּגעזאָגט. דער אָרגאַניזאַציאָנס־מיטינג פון דער אַק־טיאָרן־יוניאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָן אַ פאַרטרעטער פון

אונזער גרופע. און ווי עס שיינט, זיינען זיי אויסגעקומען גאנץ גוט אָן אונז, ווייל די אידישע אַקטיאָרן־יוניאָן איז אָר־גאַניזירט געוואָרן, עקזיסטירט און איז טעטיק אָן אונטער־ברעכונג ביזן היינטיקן טאָג. די פראַגע, צי אַקטיאָרן זענען לוין־ארבעטער און דאַרפן פאַרנעמען אַ פלאַץ אין דער אַר־בעטער־באַוועגונג, איז יאָרנלאַנג געווען איינע פון די באַ־ליבטסטע און שטורעמדיקסטע טעמעס אין אונזערע דע־באַטן. די לעצטע אנטשיידונג איז געווען, אַז יאָ.

אונזער טעטיקייט צווישן דעם אמת׳ן און כשר׳ן פראָ־לעטאַריאַט האָט זיך זייער שנעל אָנגעפאַנגען. אונזער ערשטע שטיקל ארבעט איז געווען צו רעאָרגאַניזירן די אונטערגעגאנגענע שוירט־מאַכער־יוניאָן. דאָס איז אונז גע־ראָטן אין איניקע וואָכן נאָך דער גרינדונג פון די פאַר־אייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. ס׳איז געווען אַ פאַר־העלטניסמעסיק גרינגע אויפגאַבע דורכצופירן, ווייל דער דאָזיקער ספעציעלער פאַך האָט באַשעפטיקט אַ סך סאָ־ציאַליסטישע אינטעליגענטן.

אין די אַנדערע טיילן פון דער נאָדל־אינדוסטריע איז אונז די ארבעט אָנגעקומען אַ סך שווערער, אָבער מיט דער צייט האָט זיך ביי אונז אויסגעאַרבעט אַ טעכניק צו אָר־גאַניזירן יוניאָנס.

אָט שטייט מיר ממש פאַר די אויגן דער אָנפאַנג און די ערשטע צייטן פון דער ניפּענטס מאַכערס יוניאָן.

יעדעס מאָל, ווען אַ ניפענטס־אָפּערייטאָר האָט געביטן קאָנטראַקטאָרס, איז ער געווען געצוואונגען צו נעמען זיין מאַשין אויף די פּלייצעס און איר טראָגן איבער די גאַסן פון ניו יאָרק אין זיין נייעם שאָפּ אריין. אָט ביי דעם

פונקט האָט זייער געדולד געפּלאַצט. אין אָנפאַנג פון יאָר 1890 זענען זיי אַרויס אין סטרייק.

די באַוועגונג איז געקומען פון זיך אַליין, אָן אַ פּראָגראַם, אָן פירער, אָן אָן אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען אַ בלינדער אויסברוך פון אַרבעטער-צאָרן. ווען מ'זאָל אים געווען לאָזן צו זיך אַליין, וואָלט דער סטרייק געווען צוזאַמענגעבראָכן און וואָלט געווען געהאַט דעמזעלבן סוף ווי אַנדערע דערשיינונגען פון דעם סאָרט אין די פריערדיקע צייטן.

אין דעם פאַל האָט זיך די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן אריינגעוואָרפן אין דעם סטרייק אין די סאַמע ערשטע שטונדן. דורך אַ קאָמיטעט פון פינף, פון וועלכע איך בין געווען איינער, האָט די געווערקשאַפטן איבערגענומען די גאַנצע פירונג פון סטרייק.

אונזער ערשטער שריט איז געווען צו דינגען אַ מיטינגהאַל גרויס גענוג אַריינצונעמען אַלע סטרייקער. עס זיינען געווען אַרום ניין הונדערט ארבעטער אין סטרייק און מיר האָבן זיי צוזאַמענגעבראַכט פון אַלע שעפּער און סטריט-קאָרנערס. אין זאַל האָבן מיר דעם מיטינג אָנגעהאַלטן כמעט אָן אויפהער, בייטאָג און ביינאַכט. מיר האָבן זיי בלויז ערלויבט צייט אהיימצוגיין שלאָפן. מיר האָבן מורא געהאַט זיי אָפּצולאָזן פון אויג, טאָמער וועלן זיי ניט אויסהאַלטן דעם נסיון און וועלן צוריקגיין צו דער ארבעט. די גאַנצע צייט האָבן מיר זיי אונטערהאַלטן מיט רעדעס און מיט אַנדערע מינים אויפקלערונג און פאַרוויילונג, וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט אויסטראַכטן.

אין דער צייט, וואָס דער ענדלאָזער מיטינג איז אָנגעגאַנגען אין גרויסן זאַל, האָבן מיר זיך געמיט אַריינצוברענ־

געץ אַן אָרדנונג און אַ סיסטעם אין דעם סטרייק אריין און צו אָרגאַניזירן די סטרייקער אין אַ שטענדיקער, שטאַרקער יוניאָן.

צוזאמען מיט די אינטעליגענטסטע מענער און פרויען פון די סטרייקענדע רייען האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ צעטל פאָדערונגען מיט אַ הויפּט-פּונקט, אַז דער באַלעבאָס זאָל מוזן אויף זיין אייגענעם חשבון צושטעלן ניי-מאַשינען און אַנדערע אַרבעט-געציג. דאַן האָבן מיר אויסגעקליבן פּיקעטס, הילף-קאָמיטעטן און סעטעלמענט קאָמיטעס. און אַלע האָבן געאַרבעט אונטער אונזער דירעקטער אויפזיכט און פירערשאַפט.

די אַרבעטער האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי אָנצופירן מיטינגען אָדער אָנגיין מיט פאַרהאַנדלונגען פון מינדסטן סאָרט. זיי זיינען קיינמאָל פריער ניט אַרויסגעטראָטן געזעלשאַפטלעך. צוזאַמען מיט אונזערע לעקציעס איבער די פּרינציפּן פון יוניאָניזם און סאָציאַליזם, האָבן מיר זיי דערפאַר אויך געלערנט די עלעמענטאַרע פּאַרלאַמענטאַרישע פירונגען און די פּראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנס-מעטאָדן. מיר האָבן זיך געמיט אויסצוקלייבן די בעסטע פון זיי און זיי לערנען צו זיין פירער צווישן זייער גלייכן.

דער סטרייק איז געווען אַ קורס פון טיכטיקער אויסבילדונג און אויפקלערונג, אָבער דער קורס האָט לאַנג ניט געדויערט.

נאָך איין וואָך צייט פון פולשטענדיקער אַרבעטער-איינינקייט, האָבן זיך די קאָנטראַקטאָרס אונטערגעגעבן. אין אַ געוויסן שבת אָוונט איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ שרעק און אַלע מיטאַמאָל האָבן זיי געשטורעמט דעם מיטינג-האָל פון די סטרייקערס און האָבן געפאָדערט אַ באַלדיקן קאָלעקטיוון אָפּמאַך אויף די באַדינגונגען פון די אַרבעטער.

די פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָט געהאַט אַ גרויסן זיג און איז ערמוטיקט געוואָרן צו נעמען זיך צו נייער טעטיקייט אין אַנדערע פאַכן.

איינע פון די שווערסטע אויפגאַבן, וואָס די פּיאָנערן־גרופּע האָט גענומען אויף זיך דורכצופירן, איז געווען צו אָרגאַניזירן די אידישע בעקער־אַרבעטער.

אין די ערשטע צייטן פון דער אידישער אימיגראַציע איז געעפענט געוואָרן אַ געוויסע צאָל בעקערייען אויף דער איסט־סאַיד. זיי האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אידישן קאָרן־ברויט און אין אַנדערע געבעקסן, צו וועלכע די אידישע קויפערס זענען געווען געוואוינט פון דער אַלטער היים. די דאָזיקע בעקערייען זענען געווען אין טיפע און פינסטערע קעלערס (סאָב־סעלערס), אָן ווענטילאַציע און אָן היגיענישע איינריכטונגען. די ווענט און די סילינגס זענען געווען נאַס און פאַרשימלט. די בעקערייען זענען געווען פאַרפלייצט מיט שטשורעס און האָבן זיך געבאָדן אין שמוץ. די לופט איז געווען פאַרפעסטעט. די באַק־אויוונס זענען געווען פון מלך סאָביעצקי׳ס צייטן. פון מאַשינען איז קיין שפּור ניט געווען. די גאַנצע ארבעט איז געטאָן געוואָרן מיט די הענט.

די נייע אינדוסטריע האָט אַרום־און־אַרום באַשעפטיקט אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער, מערסטנס אימיגראַנטן פון גאַליציע, אונגאַרן און פּוילן. זיי זענען געווען אַנדערש פון די מערסטע רוסיש־אידישע אַרבעטער; מער פאַרהאַרטעוועט, קאַלט ווי אייז און — ניט צו רירן זיי פון אָרט. זיי האָבן געאַרבעט 17 און 18 שעה אַ טאָג, מיט דער אויסנאַם פון דאָנערשטיק, ווען זייער אַרבעטס־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן גאַנץ־פרי און האָט געדויערט ביז

פרייטיק, 12 בייטאָג. כמעט אַלע האָבן געוואוינט און גע־געסן ביי זייערע באַלעבאַטים.

זיי האָבן געאַרבעט ביי די אויוונס נאַקעט ביזן גאַרטל, און געשלאָפן זענען זיי אין די בעקערישע קעלערס. ווען זיי האָבן ניט געוואוינט און ניט געגעסן ביי די באַלעבאַטים, זיינען זייערע דורכשניטלעכע פאַרדינסטן געווען פון זעקס ביז זיבן דאָלער אַ וואָך.

זייער איינציקע פרייע צייט איז געווען צווישן פאַר־קנעטן דאָס טייג און דעם „אויפגיין”, און די פרייע שטונדן האָבן זיי פאַרבראַכט אין זייערע היימישע סאַלונס, ביים טרינקען ביר און שפילן אין קאָרטן.

אין די ביר־סאַלונס, ספּעציעל אין אַ געוויסן ביר־סאַ־לון, אויפן קאָרנער לודלאָו און העסטער סטריט, האָבן זיי געהאַט דאָס איינציקע אָרימע ביסל וואוילטאָג אין זייער פאַראומערטן לעבן.

דאָ האָבן זיי זיך געטראָפן מיט גוטע ברידער; דאָ איז אויך געווען די אַרבעטס־בירזשע. דאָ האָבן זיי געגעבן איינער דעם אַנדערן אינפאָרמאַציע וועגן דזשאָבס; אַהער זענען אויך געקומען באַלעבאַטים זוכן „הענט” פאַר זייערע בעקערייען.

בלאָס ווי דער טויט, מיט איינגעפאַלענע ברוסטן, דער־שלאָגן און פאַריאָגט, האָבן זיי געשיינט צו זיין די אומ־פאַסיקסטע מענטשן אין דער וועלט פאַר אַן אָרגאַניזאַציע און פאַר אָנפירן אַ קאַמף. אין יאָר 1887 איז דער ערשט־אָרגאַניזירטער „בעיקערי און קאָנפעקשאָנערי וואָירקערס אינטערנעשאָנעל יוניאָן” געלונגען אַריינצוקריגן עטלעכע פון זיי אַלס מיטגלידער און צו גרינדן אַ אידישן לאָקאַל. דער לאָקאַל האָט אָבער צוזאַמענגעבראָכן אין סאַמע ערשטן

יאָר, און די אורזאַכן פון דעם צוזאַמענבּרוך זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַגריפן פון יענע אַרבּעטער.

דער סעקרעטאַר פון דער בעקער־אַרבּעטער אָרגאַני־זאַציע איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אַוועקצונעמען די אידישע בעקערס פון דער דעמאָראַליזירנדער אַטמאָס־פערע אין דעם לודלאָו־סטריטער סאַלון און ער האָט גע־קראָגן פאַר זיי אַ נייעם פּלאַץ. דער נייער פּלאַץ איז געווען אַ הינטערשטע צימער פון אַ ביר־סאַלון אויף אָרטשאַרד סטריט.

מיטינג־האָלס ביי סאַלונס זענען געווען די געוויינלעכע פאַרזאַמלונג־פּלעצער פאַר יוניאָנס אין יענע צייטן אין ניו יאָרק. דעם סאַלון־קיפּער האָט מען ניט געדאַרפט צאָלן פאַר דעם צימער, ווייל ער האָט ערוואַרט באַלוינט צו ווערן דורך לייזונג. מיט די דייטשע און איירישע יוניאָנס האָט דער סיסטעם זייער גוט געאַרבּעט, אָבער אין דעם פאַל מיט די אידישע יוניאָנס האָט זיך עס מערסטנס ניט גע־לוינט פאַר די סאַלון־קיפּערס.

דער פּרוּוו אַוועקצונעמען די אָרגאַניזירטע אידישע בעקערס פון דעם לודלאָו סטריטער סאַלון האָט אַרויסגע־רופן אַ היבשע געגנערשאַפט. זיי זענען שוין געווען צוגע־וואוינט צו זייער אַלטן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ און אַ סך פון זיי האָבן געקוקט מיט חשד אויף דעם געפּלאַנטן בייט. אַ שאַרפער צדדים־קאַמף האָט אויסגעבראָכן צווישן די קאָנסערוואַטיווע אָנהענגער פון לודלאָו סטריט און די ראַדיקאַלע אונטערשטיצער פון אָרטשאַרד סטריט. ביי די אידישע אַרבּעטער פון יענער פּעריאָדע האָט דער קלאַסן־קאַמף אָנגענומען די פאָרם פון אַ קאַמף צווישן צוויי געג־נערישע סאַלונס. מיט דער הילף פון דעם סאַלון־קיפּער

און מיט דער שטיצע פון די בעקער-באַלעבאַטים האָט גע־זיגט דער יוניאָן-געגנערישער סאַלון פון לודלאָו סטריט.

די יוניאָן האָט זיך אויפגעלייזט.

די פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן האָט זיך אָבער ניט געלאָזט ענטומטיקן פון יענעם דורכגעפאַלענעם פּאַרזוך און האָט אין יאָר 1889 אָנגעפאַנגען אַ נייעם קאַמ־פּעין צו אָרגאַניזירן די בעקערס. נאָכדעם ווי אַן אויפ־קלערונג-פּראָפּאַגאַנדע איז אָנגעפירט געוואָרן אַ שטיקל צייט, איז גערופן געוואָרן אַ סטרייק. די הויפּט-פאָדערונג איז געווען — אַ זעקס-טאָגיקע אַרבעטס-וואָך, מיט איין טאָג — שבת — אַלס טאָג פון רו. אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ ראַדיקאַלע פאָדערונג.

אַלע האָבן געפאָלגט דעם סטרייק-רוף. די אַרבעט אין די אידישע בעקערייען איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און אין אייניקע טעג אַרום האָבן די באַלעבאַטים זיך אונ־טערגעגעבן צו דער יוניאָן.

פּונקט ווי אין דעם פאַל מיט די ניפּענטס מאַכער איז אויך דער בעקער-סטרייק אָרגאַניזירט און געפירט געוואָרן פון אַ גרופּע יונגע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן פאַרטראָטן די פּאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן. און פּונקט ווי דאָן, האָבן מיר זיך אויך איצט געמוזט אויס־צונוצן די לאַגע און געבן די אַרבעטער אַ טיכטיקן קורס אין די פּרינציפּן און מעטאָדן פון טרעיד-יוניאָניזם.

אונזער טעטיקייט איז געווען פיל, פיל ערפאָלגרייכער, ווי מיר האָבן דערוואַרט.

אין פאַרלויף פון אַ פּאָר חדשים צייט האָט די יוניאָן געהאַט אַרום 400 מיטגלידער. דאָס זיינען געווען כמעט אַלע אידישע בעקער-אַרבעטער. די יוניאָן איז געוואָרן

זייער רעליגיע און זיי האָבן געטריי מקיים געווען אַלע אירע געבאָט, ווי זיי האָבן זיי פאַרשטאַנען.

אַ טראַגישע פּאַסירונג, וואָס איז פּאָרגעקומען אַ קורצע צייט נאָך דער אָרגאַניזירונג פון דער אידישער בעקער-יוניאָן, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם אַלגע-מיינעם עולם צו די עקלהאַפטע באַדינגונגען אין די איסט-סאַידער בעקערייען און האָט געבראַכט וויכטיקע רעזול-טאַטן אויפן געביט פון אַרבעטער-געזעצן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט דער סעקרעטאַר פון דער ערשט-אָרגאַניזירטער יוניאָן באַריכטעט צו ב. ווייג-שטיינען, אין אָפיס פון די פאַראייניקטע אידישע געווערק-שאַפטן, אַז אַ בעקער איז אַוועקגעפאַלן אַרבעטנדיק ביי-נאַכט און אַז ער ליגט נאָך אַלץ אין שאַפּ אַ געפערליך-קראַנקער. דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן, אַזוי גוט ווי דער באַלעבאָס, האָבן זיך פאַרלאָרן און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ווען ווייגשטיין איז געקומען אין דער קע-לער-בעקעריי, האָט ער דאָרטן געטראָפן אַ שרעקלעכן שמוץ און דריי אויסגעמאָרעטע, טויט-מידע בעקער-אַרבעטער האָבן פאָרגעזעצט די אַרבעט אין שכנות מיט זייער אַוועק-געפאַלענעם חבר. ער האָט באַזאָרגט, אַז מ'זאָל דעם קראַנ-קען אַרבעטער צונעמען אין אַ שפּיטאָל, און האָט באַ-ריכטעט דעם פאַל צום לעיבאָר-דעפּאַרטמענט.

אַן אונטערזוכונג פון די בעקערייען אויף דער איסט-סאַיד איז געמאַכט געוואָרן און עס איז פאַרעפנטלעכט גע-וואָרן אַ סענסאַציאָנעלער רעפּאָרט, אין וועלכן די אומ-מענשלעכע אַרבעט-באַדינגונגען פון די בעקערייען זענען פאַרדאַמט געוואָרן אַלס אַ געפאַר פאַרן געזונט פון דער באַפעלקערונג.



נ. קאזלאווסקי

א בעקער איז אַוועקגעפאלן ביי דער אַרבעט און ער ליגט
אין שאָפּ אַ געפערלעך קראַנקער.

אַלס רעזולטאַט פון דער אונטערזוכונג און פון דעם רעפּאָרט, איז אין דעם שטאַט ניו יאָרק באַלד נאָך דעם אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן צו אַרבעטן אין בעקערייען מער ווי צען שעה אַ טאָג. דאָס דאָזיקע געזעץ האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע אין די געריכטן און האָט געדינט ווי אַ מיטל קלאָר צו מאַכן אויף וויפיל אַרבעטער קענען קריגן שוץ דורך געזעצן.

די בעקער יוניאָן איז מיט דער צייט געוואָרן איינע פון די שטאַרקסטע, פּראָגרעסיווסטע און בעסט-דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציעס צווישן די אידישע אַרבעטער אין אמעריקע. דאָס האָט אָבער גענומען פיל יאָרן פון געדולדיקן און איינגעעקשנ׳טן קאַמף, אין וועלכן עס זיינען אויך געווען אָפטע אנטוישונגען, דורכפאַלן און נידערלאַגעס.

טראָץ דעם גוטן האָפנונגספולן אָנפאַנג, האָט די יוניאָן דאָך געהאַט אַ קורץ לעבן. באַלד ווי די פאָדערונגען פון סטרייק זענען געוואונען געוואָרן, האָבן די מיטגלידער פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין זייער אָרגאַניזאַציע און אין אַ קורצער צייט אַרום איז זיך די יוניאַן צעפאַלן.

דער פאַקט, וואָס עס איז ווידער נישט געווען קיין יוניאָן, האָט געפירט צו אַ נייער פאַרערגערונג פון די אַרבעט-באַדינגונגען און צו אַ „נייעם אויפשטאַנד”. אַ נייער סטרייק, ווידער אַן אויפלעבונג פון דער יוניאָן, און דערנאָך ווידער דער אומפאַרמיידלעכער גאַנג אויף צוריק, און מיט דער צייט, דער אונטערגאַנג פון דער יוניאָן.

דער דאָזיקער ענטמוטיקנדער פּראָצעס האָט זיך ווידערהאָלט מער-ווייניקער רעגלמעסיק יעדע צוויי-דריי יאָר. און

יעדע נייע אָרגאַניזאַציע איז געווען אַביסל שטאַרקער און האָט זיך געהאַלטן אַביסל לענגער, ווי די פריערדיקע. אָט אַזוי איז עס געגאַנגען, ביז עס איז געשאַפן געוואָרן א פעסטע, שטענדיקע יוניאָן נאָך אַ שווערן זיג-זאַגישן וועג, וואָס האָט געדויערט צווישן פופצן און צוואַנציק יאָר.

אַזוי איז אויך געווען די געשיכטע פון דער ניפּענטס מאַכער יוניאָן, און פּאַקטיש פון אַלע אידישע יוניאָנס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן זינט די פאַראייניקטע אי-דישע געווערקשאַפטן האָט דערזען די ליכטיקע וועלט.

אין די ערשטע יאָרן איז די פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן געווען אָן אן אויפהער באַשעפטיקט מיט אָרגאַניזירן און רעאָרגאַניזירן אידישע יוניאָנס. אין די ערשטע אכצן מאָנאַטן פון איר עקזיסטענץ האָט די פאַר-אייניקטע אידישע געווערקשאַפטן פארגרעסערט די צאָל אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציעס פון צוויי אויף צוויי-און-דרייסיק. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן ארומגענומען פּאַקטיש אַלע אינדוסטריעס, אין וועלכע אידישע ארבע-טער זענען געווען באַשעפטיקט אין א באַדייטנדער צאָל. דעם אויבנאָן אויפן צעטל האָבן פאַרנומען די פאַרשידענע צווייגן פון שניידעריי, ווי קלאָוק-מאַכער, מענער-שניידער, פאַריערס און קעפּ-מאַכער. אין דעם צעטל זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע באַשעפטיגונגען, ווי מוזיקער, ריטעיל-סעילסלייט, איינבינדערס און סאָדאַ-וואַסער אַרבעטער. און אין כמעט אַלע פאַלן האָבן די יוניאָנס געהאַט קורצע יאָרן. זיי זיינען אויפגעקומען און אונטערגעגאַנגען און מען האָט זיי געמוזט אויף ס'ניי אָרגאַניזירן יעדע פּאָר יאָר.

ביי די ארבעטער פון יענע צייטן זענען די יוניאָנס געווען פארבונדן מיט סטרייקס און זיינען זעלטן געווען

מער ווי בלויז א מיטל פון סטרייק. אין סטרייק זענען זיי געבוירן געוואָרן און מיט דער ענדע פון די סטרייקס איז אויך געקומען די ענדע פון די יוניאָנס.

ס'האָט גענומען צוואנציק יאָר פון געדולדיקער און אומאויפהערלעכער אויפקלערונג אויסצולערנען דעם אידישן אַרבעטער, אז ער זאָל אָפּשעצן די ווערט פון יוניאָנס אין פרידן אַזוי גוט ווי אין קריג. און עס האָט גענומען ביז דעם יאָר 1910, איידער די אידישע ארבעטער-באַוועגונג איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פעסטן און זיכערן באָדן.

איינס פון די וויכטיקסטע מיטלען, דורך וועלכע דאָס איז ענדלעך געלונגען, איז געווען די פאראייניקונג פון די פילע אָרגאַניזאַציעלעך אין די פאַרשיידענע צווייגן פון נאָדל-פאכן אין גרויסע יוניאָנס, וואס האָבן אריינגענומען אין זיך אַלע טיילן פון אן אינדוסטריע. ווי, צום ביישפּיל, די אינטערנעשאָנעל לעידים גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, וואס אין איר יורסדיקציע גייען אריין אַלע צווייגן פון דער פאַבריקאַציע פון פרויען-קליידער; אָדער די אַמאַל-גאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן, וועלכע באַשטייט פון אַלע ארבעטער אין דער אינדוסטריע פון מענער-קליידער.

היינט-צו-טאָג זענען עטלעכע הונדערט טויזנט אידישע אַרבעטער אָרגאַניזירט אין נאַציאָנאַלע (צענטראַלע) און לאָקאַלע טרעיד-יוניאָנס. זיי זענען פאַלשטענדיג אנערקענט פון זייערע אַמעריקאַנער ברידער-אַרבעטער אַלס אַ וויכטיקער לעבעדיקער טייל פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג און זיי האָבן פיל ביינעטראָגן צו דעם אַלגעמיינעם פאָרטשריט פון דעם אַרבעטער-קלאַס.

אין דעם האַלבן יאָרהונדערט פון זייערע צרות, ראנג-

לענישן, טעותן און ערפאַרונגען האָבן די אידישע אַרבעטער אין אמעריקע באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים אין אַלע הינזיכטן: אין זייערע געדאַנקען, אין זייערע מאָראַלע באַגריפן און אַפילו אין זייער פּיזישן אויסזען. פון אַן עולם שרעקעדיקע, אונטערטעניקע, האָפנונגלאָזע און פאַרשקלאַפטע מענשעלעך זיינען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דור פון זעלבסט־זיכערע מענער און פרויען, וועלכע ווייסן וואָס עס זענען זייערע רעכט אַלס מענשן און אַרבעטער, און זענען שטענדיק גרייט זיי צו פאַרטיידיקן.



# אינהאַלט:


וואַנדערער — — — — — — — — — — — — — — 9

איך פאָר קיין אַמעריקע — — — — — — — — — — — 13

מיין ערשטע רייזע מיט דער באַן און די שטאָט בראָד — — 14

פון האַמבורג ביזן קעסל-גאַרדן אויף אַ שיף — אַ הוידע — 17

אין קעסל-גאַרדען, און דער קאָמיטעט צו העלפן „גרינע“ — 21

איך גיי זוכן אַ לאַנדסמאַן און קוק מיר דערוויל אָן ניו יאָרק, 24

איך קריג אַרבעט — — — — — — — — — — — — — 29

אַ גליק האָט אונז געטראָפן — מע בעט אונז צו דער אַרבעט — 31

די גרינע גייען אַרויס אין סימפּאַטיע-סטרייק — — — — — 37

ביי וואָס די ערשטע אידישע אימיגראַנטן האָבן געאַרבעט — — 41

דער באַרימטער שוויצשאַפּ — — — — — — — — — — — 42

די טענעמענט-הייזער און די דירות — — — — — — — — — 46

דאָס שווערע לעבן פון דער הויז פרוי — — — — — — — — — 48

קינדער, מוטערס און פאָטערס — אַלע מוזן שווער אַרבעטן
אויף א שטיקל ברויט — — — — — — — — — — — 50

איך שלאָף אין פּאַלים-סטיישאָן — — — — — — — — — — 52

איך ווער אַ סאָציאַליסט — — — — — — — — — — — — 57

די אימיגראַנטן אָרגאַנזשירן די ערשטע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג, 59

דער פּראָפּאַגאַנדע פאַריין און די ערשטע סאָציאַליסטישע רעדע
אויף אידיש — — — — — — — — — — — — — 61

סעמיועל גאָמפּערס און דער אָנהייב פון דער אידישער
אַרבעטער באַוועגונג — — — — — — — — — — — 63

די באַוועגונג פאַר אַן אַכט-שטונדן אַרבעט-טאָג — — — — — 65

ערשטער מאַי 1886 און די פּראָקלאַמירונג פון דעם
אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום-טוב — — — — — — — — 67

דער ערשטער מאַי ווערט פּראָקלאַמירט אין פּאַריז פאַר דעם
אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום-טוב — — — — — — — 70

דער מיטינג אויפן היי-מאַרקעט אין שיקאַגאָ, און די באָמבע — 73

דער אַרעסט און די הינריכטונג פון די שיקאַגאָער אַנאַרכיסטן, 75
די רעדעס פאר די אַרבעטער, זיי זאָלן ווערן יוניאָן-לייט — 78
ווי אַזוי מע האָט אָרגאַניזירט יוניאָנס, סטרייקס און
סטרייקעלעך — — — — — — — — — — — 82
די ערשטע אידישע ראַדיקאַלע פּרעסע — — — — — — — 87
די „אַרבעטער צייטונג” און אירע מיטאַרבעטער — — — — 89
די ערשטע אידישע טעאַטערס אין ניו יאָרק — — — — — 93
אידישע אַרבעטער-פאַמיליעס וואַלגערן זיך אין די גאַסן — — 96
די צערעמאָניעס אין די לאַדזשן און די גרינדונג פון דעם
אַרבעטער רינג — — — — — — — — — — — 99
דאָס פייער אין דער טרייענגל פאַבריק — — — — — — 103
די ערשטע אידישע אַרבעטער פּאָעטן און שרייבער — — — 107
די אידישע יוניאָנס — — — — — — — — — — 119

# אילוסטראַציעם:


אויסוואַנדערער מיט זעק און מיט פעק אויף די פּלייצעס — 11

דער קובער גיסט אַריין מיט אַ גרויסן לעפל עפּעס א מין שוואַרצע זופּ און א צווייטער דערלאַנגט יעדן א שטיקל טרוקן ברויט — — — — — — — — — 19

איך מיט מיין פריינד שפּאַצירן זיך אַזוי איבער די גאַסן פון דער גילדערנער מדינה, וואו „מע שאַרט געלט מיט לאָפּעטעס". מיר שפּאַצירן און — זעען נישט קיין פּעני פאַר די אויגן — — — — — — — — 25

עס איז געווען א הייסע נאַכט און דער דאַך איז געווען פול מיט געלעגערס. מיר האָבן קוים מיט צרות געפונען אַ שטיקל פלאַץ — — — — — — — — — — — — 28

איין שיינעם פרימאָרגן אין חודש יוני איז צום קעסל-גאַרדן צוגעשוואומען אַ גרויסע שיף — — — — — — — — 33

ביים שיין פון גאַז-ליכט פרעסן זיי מאַנטלען, רעק און הויזן — 43

איידער ער איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער מיך מכבד געווען מיט זיין קלאָב אין פּלייצע און האָט אַ קאָמאַנדעווע גע-טאָן: לייג זיך דאָ! — — — — — — — — — — 54

אַ גאַס אויף דער איסט סייד מיט 50 יאָר צוריק — — — 68

דער נייער „ברודער" פלעגט זיך פאַרנייגן פאַרן פּרעזידענט מיט זיינע געהילפן; דערנאָך — פאַרן וויס-פּרעזידענט און זיינע געהילפן; דערנאָך — פאַרן עקס-פּרעזידענט, און צום סוף — פאַר אלע ברידער פון לאדזש — — — 101

א בעקער איז אַוועקגעפאַלן ביי דער אַרבעט און ער ליגט אין שאַפּ אַ געפערלעך קראַנקער — — — — — — — 135

# ליטעראַטור צו באַקומען אין בילדונגס־ דעפּאַרטמענט פון אַרבעטער רינג

פאַרבלאָנדזשעט (לעגענדע), פון י. קרעפּליאַק — — — — — — — .20

What shall I read? (ביכער-קאַטאַלאָג), צוזאַמענגעשטעלט פון גרייס פּול און סאָלאָן דעליאָן — — — — — — $1.50

גיט געבונדן — — — — — — — — — — 1.25

יודזשין דעבס (אין ענגליש) פון הענרי ט. שניטקינד — — .40

אידישע געשיכטע פאַר שול און פאָלק, פון ח. שויס (2טער באַנד) .75

וואונדער איבער וואונדער (לידער, באַלאַדן און מעשה׳לאַך) פון מאַני לייב — — — — — — — — — — 1.00

בילדער פון אידישן לעבן אין אַמעריקע, פון ב. וויינשטיין — 1.00

אַרבעטס-בוך פאַר אידישע געשיכטע, פון ח. בעזפּראָזוואַני — .55

אידן אַמאָל (אַרבעטס-בוך פאַר אידישער געשיכטע), פון ח. בעז-פּראָזוואַני — — — — — — — — — — — .75

אידישע געשיכטע פאַר קינדער, פון ש. דובנאָוו — — — — — 1.00

דאָס יום טוב בוך, פון חיים שויס — — — — — — — 1.75

יונגוואַרג (דערציילונגען פאַר יונגע קינדער) פון יעקב קרעפּליאַק, 1.00

„מעשות‟, פון נפתלי גראָס — — — — — — — — — 1.00

געשיכטע פון אַרבעטער רינג (2 בענדער) — — — — — — 1.00

די לעבנס-געשיכטע פון מאָריס הילקוויט — — — — — 1.25

פיזיאָלאָגיע, פון דר. י. א. מעריסאָן — — — — — — — .75

אינגעלע, רינגעלע, פון לעאָן עלבע — — — — — — — .75

ליטעראַטור און קאַמף, פון א. ליטוואַק — — — — — — 1.00

שול-אַלמאַנאַך — — — — — — — — — — .75

שמערל נאַר, פון דר. ש. סיימאָן — — — — — — — .75

וועראַ פיגנער׳ס מעמוארן (דריי בענדער) — — — — — 2.50

קולטור געשיכטע, פון פּראָפ. גאָלדענווייזער — — — — — .60

אַריפמעטיק, פון ה. בורגין — — — — — — — — .60

די אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, פון יצחק אייזיק הורוויץ — — — — — — — — — — .60

פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פון א. ש. זאַקס — — — — — — .75

פיזישע דערציאונג פון קינד, פון אַנאַ סאַלוצקי — — — — .40

די יוגנט רעדט (א זאַמל-בוך) — — — — — — — .50

גוט-מאָרגען, פון י. גויכבערג — — — — — — — — .50

בלומען, פון אַנאַטאָל פראַנס — — — — — — — — .40

די קונסט פון רעדן, פון ע. מוס — — — — — — — .50

דער מילנער, די מילנערין און די מילשטיינער — — — — — .25

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן אין פּוילן, פון י. לעשצינסקי, .40

וואָרט און בילד (טעקסט-בוך פאַר אָנפאַנגער), פון שרה ל. ליבערט, .45

דער רויטער פּנקס (צווייטער זאַמל-בוך צו דער געשיכטע פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג) — — — — — — — — .40

צען קינדער-לידער, פון י. ל. פּרץ, מיט מוזיק — — — — — .75

מעשה׳לאַך, פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — — — — — — — .25

טויבן (דערציילונג), פון י. קרעפּליאַק — — — — — — — — — 20.
אויפ'ן שלאַכטפעלד, פון גאַרשין — — — — — — — — — — 10.
אונזער רינג, פון דר. ל. פאַגעלמאַן — — — — — — — — — 15.
שרה'קע (דערציילונג), פון י. אפּאַטאָשו — — — — — — — — 15.
מוראַשקעס (דערציילונג), פון ה. גאָלדבלום — — — — — — — — 20.
א מעשה מיט אַ בער, פון פּרץ הירשביין — — — — — — — — 15.
דער עלעפאַנדל, פון קיפּלינג — — — — — — — — — — 10.
מעשה'לאך פאר קינדער, פון ב. לוואָווא — — — — — — — — 10.
פויגלען, טעקסט פון ל. קוויטקא, צייכנונגען פון י. ריבאק — — 10.
אין וואלד, פון ל. קוויטקא, צייכנונגען פון י. ריבאק — — — — 10.
דער קאַמיליאָן, פון פּרץ הירשביין — — — — — — — — — 10.
איליאַס און אָדיסעי, פון גאָלדע פאַט — — — — — — — — — 25.

## קינדער־פּיעסן

דער שניי מענש, פון יצחק האַראָוויץ — — — — — — — — — 15.
וואָס מיר זיינען בלייבן מיר, פון י. האַראָוויץ — — — — — — — 15.
דער גליקלאַכער פּרינץ, פון מ. עלקין — — — — — — — — — 15.
די ליידן פון עדיפּוס, פון מ. עלקין — — — — — — — — — 20.
דריי קינדער־שפּילן, פון ב. סיגעל — — — — — — — — — 25.
אסתר'קעס חלום (פּורים־שפּיל) פון י. דראַכלער — — — — — — 20.

## ביאָגראַפיעס

בוקער ט. וואַשינגטאָן, פון ל. פאַגעלמאַן — — — — — — — — 15.
קארל מאַרקס, פון י. ב. ביילין — — — — — — — — — — 15.
פערדינאַנד לאַסאַל, פון י. ביילין — — — — — — — — — 20.
משה מענדעלסאָן, פון ש. הורוויץ — — — — — — — — — 15.
גאַריבאַלדי, פון ש. הורוויץ — — — — — — — — — — 10.
זשאָרעס, פון ש. הורוויץ — — — — — — — — — — — 10.
דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, פון ש. הורוויץ — — — — — — — — — 10.

## לידער מיט נאָטן

לאָמיר קינדער זינגען, פון מ. געלבארט — — — — — — — — 75.
די מאַשין, פון מ. פאָזנער — — — — — — — — — — — 50.
דער פאַסטוכל, פון מ. פאָזנער — — — — — — — — — — 35.
די שבועה, פון מ. פאָזנער — — — — — — — — — — — 25.
און דו אָקערסט און דו זייסט, פון י. שייפער — — — — — — 15.
פרייהייט (פון ש. פרוג), מוזיק פון י. שייפער — — — — — — 10.
די שול (ליד פון נחום י.), מוזיק פון ה. וואָלאָוויטש — — — 10.